STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00236

# BLUMEN FUN BADOYER

Moses Schulstein

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Arnold & Lillian Steinberg*
*in memory of*
*Max Steinberg and Ben Hirschhorn*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-00236-4

9780657002367T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

משה שולשטיין / בלומען פון באַדויער

צייכענונגען פון : מאַנע־קאַץ, בען, א. קאַלניק

הילע און טיטל־בלעטער — בען

פארענדיקט דרוקן אין מאי 1959 אין
דרוקעריי ״וואג״ פאריז. 50 עקזעמפלארן
געדרוקט באזונדער אויף פאפיר אפכעט
פעניקס, אויסער דעם פאריזיי״

MOÏSCHÉ SCHULSTEIN

BLUMEN FUN BADOÏER :
« FLEURS DE REGRET »

COPYRIGHT 1959 BY « DI GOLDENE PAVE »
12, AVENUE SCRIBE, MEUDON (S.-&-O.)
PRINTED IN FRANCE

IMPRIMERIE VOGUE, 176, QUAI DE JEMMAPES, PARIS X^e

משה שולשטיין

# בלומען פון באדויער

## לידער און פאעמעס

פאריז 1959

דאס בוך איז געהייליקט דעם אנדענק פון
די יידישע שרייבער און קינסטלער אין
ראטנפארבאנד, אומגעבראכטע דעם
12-טן אויגוסט 1952, און פון די וועמענס
טאג פון אומקום איז נישט באקאנט

# אין
# שיין
# פֿון
# קדושים

*

מאַך־אויף דאָס בלאַט ווי אַ בית־עולם־טויער,
וווּ יעדע שורה איז אַ קברים־ריי,
און לאָמיר וואַנדלען דאָ אין צער און טרויער.
פאַרהוילן איז דער קבר־שטעג צו זיי,
האָט אויסגעטראָטן אים דאָס ליד פון וויי, —
מאַך־אויף דאָס בלאַט ווי אַ בית־עולם־טויער.

אומזיסט, אומזיסט האָב איך געטראָגן בלומען
צו לייגן ערגעץ ביי אַ גרויען שטיין.
צי איז אין רעגן זייער זכר שוין פאַרשווומען?
האָט ווּעמען אויך געבלענדט דאָס טויט געביין,
דערפאַר האָט ער געשטראָפט עס צום פאַרגיין? —
אומזיסט, אומזיסט האָב איך געטראָגן בלומען.

שוין וועלקן מיינע טריבע כריזאַנטעמען,
די רויטע טוליפּאַנען — בעכערס בלוט.
ווער האָט די קעפּ געגייגט זיי צום פאַרשעמען?
פּה נקבר — דאָ דער קדושים־זכר רוט,
דאָ לאָמיר איינהאַלטן דעם אָטעם אַ מינוט. —
שוין וועלקן מיינע טריבע כריזאַנטעמען.

האָב איך געקליבן בלומען פון באַדויער
פון ווערטער — אות צו אות און טראָף צו טראָף,
צו זייער נישט־פאַרגייענדיקן דויער.
כ׳בין זייער נישט־פאַרמעקטער עפּיטאַף.
פון מיין פאַרשעמט־געהייליקט יידיש כתב
האָב איך געקליבן בלומען פון באַדויער.

# אַ שנירל בלוט

ווי אַן אורקראַפּט אין דעם ערד־קנויל דעם געדיכטן
רייסט אַדורך די איינגעעקשנטע מחיצה־שיכטן —

דורכגעריסן האָט זיך פונעם לאַנד פון מיינע טרוימען
אַ שנירל בלוט — דורך אַלע גרענעצן און צוימען.

אַ שנירל בלוט פון ליכטיקע, פאַרשעמטע לייבער —
דער לעצטער כתב פון יידישע קדושים־שרייבער.

ווי פון אַלטע פּאַרמעטן דער מינדסטער צייכן
נישט פאַרמעקן וועט אים צייט, אים נישט פאַרשטרייכן.

פון סטעפּעס רוסישע, פון רחבותדיקע שטחים,
אַ שנירל בלוט מיין גוף האָט דורכגעבראָכן.

מיט נאָענטשאַפט באַהאַפטן ווי מיט נאָפּל־שנורן.
וווּ כ'זאָל נישט גיין — איך גיי אין זיינע שפּורן;

עס ריזלט פיבערדיק און היים דורך מיינע חצותן,
ווי ס'וואָלט דאָס בלוט פון אייגן האַרץ געפלאָסן.

אַ שנירל בלוט פון זיי האָט ביז מיין שוועל געצויגן
צו זיין די שריפט אויף מיין כתב־יד, מיין בויגן.

# דער ווינט פון מזרח

דעם ווינט, וואָס טראָגט זיך אָן פון מזרח־זייט,
ווי אַן אומעטיקן גאַסט גיי איך אַנטקעגן;
מיר דאַכט, איך הער אין אים ווי עמעץ שרייט
און שטרעקט די הענט צו מיר מיט נישט־געשטילטן פרעגן.

קען זיין, ער קומט איצט פון אַ ווייטן סטעפּ
— דער שליח פון מיין בייזן, וויסטן חלום —
אפשר האָט ער גראָד פאַרוויגט די אויסגעצאַנקטע קעפּ
מיט שטערנס ליכטיקע פון אַלטע מקובלים,

און אויסגעקושט צוזאַמען מיטן ווײ
די פלעקן בלוט ווי פלאַמיקע של־ראשן ?
אין זיין פלאַטער ברענגט ער אפשר מיר פון זיי
דעם פאַרשטיקטן יאָמער פון מיין לשון ?

אין זיינע פאַלעס טראָגט ער אָן פון ווייט
צוואות פון צעשמעטערטע געזאַנגען,
און אָט גיט ער אין פנים מיר אַ שלייד
אַ הויפן שפּליטערס פון צעשיטע קלאַנגען.

איך בויג זיך אָן און זוך זיי אויף און קלויב,
זיי מיינע ציין וואָלט איך צונויפגעקליבן,
און כ׳נעם אַרויס אַן אות צו אות פון שטויב,
וואָס איז מיר פונעם מזרח־ווינט פאַרבליבן.

## דאָס ליד פון שווייגן

ניט שווער זאָל דיר זיין צו באַגרייפן,
וואָס הערסט נישט פון מיר אַזוי לאַנג, —
דער דונער אין זייערע שלייפן
פאַרשטומט האָט אין הארץ מיין געזאַנג.

צעטרייסלט האָט מיינע פיר איילן
דער הילך פונעם רוצחישן שטאָל;
מיין דאַך אין צעפלויגענע טיילן
אַראָפּ איז אויף מיר מיטאַמאָל.

איך ליג, און, צעפליקט אַלע סטרונעס,
מיין לירע ליגט אויך אונטער אים,
און כ׳הער אַלץ דעם בלייענעם דונער,
וואָס שטיקט, ווי ביים גוסס, מיין שטים.

די לאַסט הערט נישט אויף מיך צו קלעמען,
ווי זייער דערוואָרגן געזאַנג —
ניט שווער זאָל־זשע זיין דיר באַנעמען
וואָס הערסט נישט פון מיר אַזוי לאַנג.

# באַלאַדע וועגן טויט פון פּרץ מאַרקיש

כ'האָב די אויגן אַ ווייל ביי מיין שרייב=טיש געשלאָסן,
געהאַלטן מיין קאָפּ, ווי אַ לאַסט, אין די הענט,
אין דער חשכות איז אַלצדינג אַוועק, אָפּגעפלאָסן,
צערוקט האָבן פּלוצים זיך מיינע פיר ווענט.

און אַן אַנדערע וואַנט פאַר מיין בליק איז דערשינען —
פון פראָסטן, פון ראַציקן, שטומפּיקן שטיין :
כ'זע אַ וואַנט פון אַ תפיסה אין שיין פון באַגינען,
איך דריק צו מיין שטערן צו איר און איך וויין.

ס'איז דער שאָטן פון דיכטער אויף איר דאָרט פאַרבליבן
— די קויל האָט קיין שליטה אויף אים נישט געהאַט —
ער באַווייזט מיר דעם שטיין, וווּ זיין ליד איז פאַרשריבן,
פאַרקריצט מיט זיין בלוט ווי אויף אוראַלטן פּלאַט.

ס'שפּרייזט דער טויט אין געאייל איבער פרידלעכע שוועלן,
אין ביקסן — דער בליי, דער שגעון אין זין.
איך דערזע אים — עס קען נישט דער טויט=קרייז פאַרשטעלן
זיין קאָפּ דעם געזאַלבטן פון לעצטן באַגין.

כ'הער די ביקס=רערן שטיקט אַזאַ שוידער=געלעכטער,
ווי זיי וואָלטן פאַרלאַכן דאָס קול פון זיין ליד.
— וואַרט! וואָס טוט איר, וואָס?! זעט! אָט די ביקס די גערעכטע
האָב איך דאָך מיט בלוט פון מיין האַרצן געשמידט!

דאָס האָב איך דאָך געטראָגן זי הויך ביז די שטערן,
געשטרעקט, ווי דעם ספר,ביים שלאַכטמאַן פאַרטרויט.
נאַר עס האָבן די ביקסן קיין צייט נישט צו הערן, —
נישט איינציק דער דיכטער איז היינט ביי דעם טויט...

— הערט־זשע אוים, איידער איר וועט מיין חלום דערמאָרדן.
דערפילט כאָטש מיין ווונטש און מיין לעצטן פאַרלאַנג :
לאָזט צום האַרצן מיך צושפיליען מיין לענין־אָרדן —
דעם שכר און דעם לויב פאַר מיין טרוים און געזאַנג !

זיין פאַרלאַנג איז דערפילט. — איצטער שים, חבר תליון ! —
עס קייכן די ביקסן פאַרכליניעט פון טויט.
פונעם אָרדן די שפּליטערס צעשפּריצן און פאַלן
און טרעפן מיין פנים און בריען מיין הויט.

פון דער ערד ביז צום הימל אַ רויך איז פאַרשוווּנדן,
אַנטפּלעקט ווי אַ טוך האָט זיין שמייכל פון דאַנק.
אויפן האַרץ פונעם דיכטער זיין בלוט פון די וווּנדן —
דער שכר און דער לויב פאַר זיין טרויב און געזאַנג.

1956

# ביי די טויטע צוקאָפּנס

אָ, בר־מיננס. איר ליגט פאַר מיינע פיס כסדר,
און איך, איך שטיי פאַראבלט איבער אייך געבויגן.
כ׳לאָז רייסן אויף זיך אָן באַדויער מיינע שענסטע קליידער,
ווייל וועלכן יום־טוב וועלן זיי דען קענען נאָך באַשיינען ?
אָ, בר־מיננס, וווהין זאָל איך אַהינטאָן מיינע אויגן ?
וווהין, וווהין דען אויב נישט אין די קוילן־לעכער
פון אייערע געניזוקטע און הייליקע געביינען ?
לאָזט אָפן זיי, די קוילן־לעכער. און די ווונדן אָפן !
ביז לעצטן טראָפּן כ׳וועל זיי טרינקען ווי פאַרסמטע בעכערס.
אָ, לאָזט זיי אָן אַנטרינונג ווערן פאַר מיין בליק פול צער,
אַ מקום־מקלט זיין פאַר מיינע זעענישן און רעיונות.
ווי אַ נשרף אויף די חורבות פון זיין הויז און זיין פאַרמעג
דאַרף איך אפשר זוכן דאָ אין זיי, די קוילן־לעכער,
דעם ניצוץ און דעם שפור פון איבערבלייב און האָפן ?
יעדן טונקלען צודעק נעם איך, בר־מיננס, פון אייך אַוועק,
און כ׳לאָז נישט לייגן מיט קיין פרומקייט אויף די אויגן אייך שאַרבוינעס !
מען זאָל אייך זען און איר זאָלט קוקן — כאָטש פאַרלאָשן, שטאַר:
מיט אייער לעצטן, מאַטן, שוין זיך לעשנדיקן ליכט,
קוקן זאָלט איר אין מיין פינצטער און פאַרשעמט געזיכט !

## צום פרץ־אוהל

איך קום מיין פּנים אין דיין טונקלער הוילעניש באַהאַלטן,
כ׳לייג־צו מיין קאָפּ צום שטיין, ווי צו אַ מוטערס שויס,
און פּלוצים פּלאַץ איך ווי אַ וואָלקנבראַך מיט יאָמער אויס,
וואָס האָט אין האַרצן נישט געקענט זיך מערער האַלטן.

איך האָב געמיינט, כ׳וועל אונטער דיין געוועלבונג רו געפינען,
ווי אונטער לאַנג־באַגערטן פאָטערלעכן דאַך,
נאָר שטיינער, שווערערע ווי דיינער, ליגן אויפן האַרץ אַ סך,
און ס׳קען דער צער און אומרו נישט פון דאָרט אַנטרינען.

ווי ד ע ר, וואָס דעם געביין זיינעם אַ פאַנצער ביסט זינט יאָרן,
פלעגט טיילן זיך מיט זיינע דלד אמות, מיט זיין שוועל —
איך בעט דיך, זאָלסט זיך טיילן איצטער, טעמפּל מיינער און געצעלט,
מיט שבת־יום־טובדיקע יידן, קברלאָזע, אָן אַ שפּור פאַרלאָרן.

זיי אויך פאַר כאַריקן, פאַר קולבאַקן און האָפשטיינען די לעצטע וווינונג,
פאַר אַלע ריטער און קדושים פון מיין אומה און מיין שפּראַך,
גיב רו דאָרט מאַרקישן און בערגעלסאָנען אונטער דיין געוועלבטן דאַך,
און ס׳גאָלד פון דיינע אותיות טו־אָן זיי אויף די קעפּ, ווי קרױנען.

אַ תיקון גיב זיי אַלע דאָרטן, ווי אין אונדזערע מחשבות,
די, וואָס נישט זוכה זענען צו אַ ברעטל און אַ שטיין,
אַז איך זאָל וויסן וו צו קומען כאָטש מיט בלומען און געוויין,
ווען עולה־רגל זיין וועל איך אַמאָל צו דיר אויף קבר־אבות.

## אין אַ טאָג פון אויגוסט

און איך גאָר, קען זיין, בין זיך דעמאָלט געזעסן
אויף אַ שטרויענער שטול פון דער קאַפע־טעראַסע
פון „סעלעקט“, „מאָדערן“, צי „טערמינוס“,
אין זומערדיקן, שיינעם און פרייען פּאַריז —
און פון גאָרנישט געאַנט
און פון גאָרנישט געוווּסט...

ביים טומבאַנק האָט דאָס נעאָן־ליכט רויט זיך געצונדן... —
אָ, ניין, אָ, ניין,
דאָס האָבן אויף דער הויט פון מיין חבר פון שריפט
דערברענט שוין די לעצטע איינגעפּרעגטע וווּנדן,
ווען אויסגעטרונקען האָט ער די לעצטע זון פון אויגוסט,
ווי סאָקראַט אין זיין צעלע זיין בעכער מיט גיפט...

דער קעלנער האָט העפלעך צו מיר זיך געבויגן.
פאַרליבטע האָבן זיך אין די ווינקלען פאַרקליבן,
ווי די טויבן אין נישעס פון אַלטע קאַטעדראַלעס.
די טעראַסע האָט אַרויסגעשוימט אין גאַס ווי אַ כוואַליע.
כ'האָב געמיטלעך די שפּאַצירער נאָכגעקוקט יעדן,
די קינדער, די זקנים,
די בלאָנדע טוריסטן פון ענגלאַנד צי שוועדן,
און מער נאָך — די שלאַנקע, די גראַציעזע פרויען.
פאַר מיין בליק איז אָפן געווען די וועלט —
און מיין חבר האָט מען דעמאָלט די אויגן פאַרשטעלט
מיט אַ טונקעלן טוך און טונקעלן בזיון...

אין אַ זייט איז געלעגן אויף שטיקלעך צעשפּרונגען
זיין גילדענע לירע — פאַרשעמט און פאַרגעסן,
בלויז די קייט אויף די הענט האָט דאָס ליד זיינס דערקלונגען. — — —

און איך אינעם שיינעם און פרייען פּאַריז
בין זיך רואיק אויף דער קאַפּע־טעראַסע געזעסן...

1957 אויגוסט

# אין אויסגעהאַקטן וואַלד...

אין אויסגעהאַקטן וואַלד פון זייערע פאַרשעמטע פּענעס,
פאַרהילט אין בין־השמשות גיי איך אום.
ווי בר־מינננס זיי ליגן שטאַר און שטום.
פון ראַנד ביז ראַנד, פון דער זייט ביז צו יענער,
וו ס׳ווערט דער בליק נישט מער פאַרשטעלט פון בלאַט און צווייג,
איז גרוויזאַם־רחבותדיק און ליידיק דער אַרום.
נאָר ס׳איז די רחבות און די ליידיקייט פאַר מיר אַ שטייג,
פון וואַנען כ׳קען נישט מער אַרויס, אַנטרינען.
אָט גיב איך אַזאַ ברום און אַ געשריי
פון אַ געטראָפענעם, פאַרוואונדעטן בעל־חי,
וואָס קען זיך נישט אַרויסנעמען אַליין די פּייל פון גוף
און דרייט זיך אַרום זיך און קען זיך נישט קיין אָרט געפינען...
און אינעם וויסטן חלל כ׳רוף און רוף און רוף,
נאָר ס׳קומט פון אויסגעהאַקטן וואַלד נישט מער צומאָל
קיין קלאַנג, און נישט קיין ווידערקלאַנג פון אייגן קול...

אין אויסגעהאַקטן וואַלד פון זייערע פאַרשעמטע פּענעס —
די שטאָלצע דעמבעס אומגעלייגטע אויף דער ערד,
געבליבן זענען מיר נאָך אייך — אָראָפּגעפּליקטע שפּענער,
וואָס וואַלגערן זיך נע־ונדע, רולאַז, אָן אַ תּיקון.
אָ, איר וואָס ליגט אין קויט, נאָר אָן אַ פּגם,
ווען איך לייג צו ס׳געהער צו אייך, איך הער
ווי ס׳וויינט אַרויס פון אייך די שטים פון שטאַם,
געצייכנט פון דער האַק מיט שראַמען און מיט שפּאַלטן.
אָ, לאָזט מיך אויך מיין טרער אין זיי באַהאַלטן
(די טרער, וואָס הערט נישט אויף אין קעל צו שטיקן)
און צופאַלן מיט ברענענדיקע ליפּן ווי צו קוואַלן.
אָ, לאָז מיך האַלטן, שטאַם, אָן דיר — איך זאָל נישט פאַלן.

# די געקוילעטע מוזע

די געקוילעטע מוזע — אַ קלאָר־ווייסע טויב —
האָט ביינאַכט זיך אַ שליידער געטאָן צו מיין שויב.

ווי אַזוי האָט זי קפיצת־הדרך געמאַכט
דורך מרחקים, דורך לענדער, דורך ווינט און דורך נאַכט?

נאָר אָט האָט זי געטאָן זיך אַ וואָרף צו מיין טיש,
זיך דערקאָלערט־דערקוילעט צום חפצים־געמיש,

צווישן כתבים־פּאַפּירן געפּאַכט און געהיפּט,
מיט אַ נדר אַ שטרענגן צום אָרט מיך פאַרקניפּט.

כאַטש אין אָנמאַכט שוין האָבן איר כוחות פאַרפעלט,
האָט זי פּנים אל פּנים מיט מיר זיך געשטעלט,

מיר געשטאָכן דעם בליק מיט אַ פליגל אין בלוט:
— דו פּאָעט, וואָס דו האָסט בעת מיין שחיטה געררוט.

זי כאַפּט־אָן און פאַרהאַלט אין די פינגער מיין פּען:
— דו פּאָעט, ס׳איז דיין פּען אויך מיין חלף געווען.

אירע רייד גיבן מיר, ווי דער פליגל, אַ שטאָך,
איך אַנטלויף צו מיין בעט, נאָר זי איילט נאָך מיר נאָך.

ביז צום ראַנד זי דערפליט, זי דערפּאַכט, זי דערהינקט,
דאָ מיין גוף אין דער פוכענער ווייכקייט פאַרזינקט.

אויף מיין קלאָר־ווייסן בעטגעוואַנט קאַפּעט איר בלוט
און זי פלעקט און זי פליקט, ביז איך שטוין וואָס זי טוט:

גיט די קאָלדרע אַ רים פון מיין קאָפּ מיט געוואַלט:
— שטיין פאַר דיר וועט מיין ווייס און פאַרבלוטיקט געשטאַלט.

נישט געפינען אין ערגעץ וועסט דו קיין באַהאַלט! —
נאָר צום גליק מיך אַ שלאָף אין מיין שווידער באַפאַלט.

דאָ געפין איך אַ מקלט און רו, און כ׳שלאָף איין,
נאָר זי קומט אויך אין שלאָף און אין חלום אריין.

איך דערפיל איר פאַרבלוטיקטן, קאַלטן באַריר:
— וועסט, פּאַעט, נישט אין ערגעץ אַנטרינען פון מיר.

איך וועל קומען צו דיר יעדע נאַכט אין דיין שלאָף,
בלויז פאַרשווינדן וועל איך פון דיין שלאָף אָן אַ סוף...

# אין שיין פון קדושים

ביי דער שיין פון טונקעלן געדעמפטן ליכט
לאָמיר זיצן אַרום טיש און שווייגן ווי אבלים,
שולטער ביי אַ שולטער איינגעפּרעסט, געדיכט.
לאָמיר בלויז פון צייט צו צייט פון זיי דערציילן.

ס׳לייגט זיך איבער אונדז די עצבות ווי אַן אוהל־דאַך,
ס׳וועט זי נאָך די מאָרגן־שיין אויף אונדז געפינען.
לאָמיר זיי דערמאָנען צום באַדויער און צום שבת
ביז עס וועט אין שויב שאַריען אויף באַגינען.

אפשר גאָר באַדאַרף מען נישט קיין שבחים און קיין רייד.
ווען די קעפּ ווי אַש־באַשיטע זענען פינצטער־כמאַריק.
ווי די זיידעס פלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט,
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק.

איינגעשלאָסן אין־זיך און מיט אַלעמען באַנאַנד,
ווי אַ רינג אין רינג — אַן אָרעם אין אַן אָרעם.
וואָס איז אונדז געבליבן נאָך ביים סאַמע ראַנד
ווי צו בלעטערן אין זייערע פאַרשעמטע ספרים.

לאָמיר לייענען מיט כוונה. הייליק איז די שעה.
ס׳הערט זיך בלויז דאָס בלאַט־געמיש און ליפּ־געפּליסטער,
ביי דעם שמעלצנדיקן חלב אינעם לייכטער־דנאָ
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל האָפשטיין, אַ קאַפּיטל נסתר.

ספר ביי אַ ספר אין באַהעפט, געדיכט,
שאָטן ביי אַ שאָטן וויקלען איין דאָס צימער,
פון די בלעטער צו דער טונקלעניש גייט אויף אַ ליכט, —
פאַלן זאָל אויף אונדז מיט חסד זייער שימער.

# די פידל פון דוד בערגעלסאָן *

אין מאָסקווע אויף אַ וואַנט, פּאַרלאָזט, אַליין,
זיין פידל איז געבליבן ווי אַן אבל.
פון אירע סטרונעס טראָגט זיך דאָס געוויין
נאָך פון די האַרפעס על נהרות בבל.

די טענער יאָמערן אַהער פון יענעם ברעג,
אַריבער צייט: זיי, פידעלע, זיין יורש
און זיין ירושה — ס'איינציקע פאַרמעג,
נישט אויסגעפליקט מיט רוגזה ביז צום שורש.

די בייזע האַנט האָט זי אַמאָל געשוינט
ווייל נישט געוווסט דערפון האָט זי מסתמא
אַז אין דעם פידעלע פאַרבאָרגן וווינט
דער ניגון פון זיין פאָלק, זיין צער און יאָמער...

אָ, ווען זי וואָלט אין עלנטקייט געקענט
פון האַרץ אַראָפּוויינען, ס'זאָל ווערן גרינגער,
זי ציט זיך אַ פאַרבענקטע פון די ווענט
צום צאַרטן ציטער פונעם מייסטערס פינגער.

---

* דוד בערגעלסאָן פלעגט שפּילן פידל. פון זיין גאַנצן קולטור־פאַרמעגן איז בלויז די פידל איבערגעבליבן נאָך זיין אַרעסט.

ער פלעגט דאָך בין־השמשות ווי אַ שטראַל
פון האָרץ איר בויגן ציען לאַנגע יאָרן.
ווו איז ער, ווו ?... — אין קאַלטן פּוטעראַל
איז איר געוואָרן ענג ווי אין אַן ארון.

אַ טאָן, אַ זיפץ רייסט אָפּ זיך פון איר טיף,
לויפט זוכן אים אויף זיינע לעצטע וועגן.
ווו נישטערן ? אין וועלכן טויט־אַרכיוו ?
און וועלכן קברן אויף זיין קבר פרעגן ?

די לעצטע קלאַנגען זענען לאַנג אַוועק
פון איר, ווי פייגל פון אַ נעסט סוף־זומער
און זי געלאָזט ווי אַן אלמנה אין אַ העק,
אַן איינגעשרומפּענע אין וועלקנדיקן שלומער.

אַ. פייגל ווו פאַרפאַלענע אין פלי,
שטאָט אייך, באַזעצט האָט זיך אין איר די סאָווע.
אָט זי, וואָס ציט נאָך דורותדיק מיט מי
דעם קלאַנג פון פידעלע פון מלך דוד.

דער קלאַנג איז פונעם אוראַלטס טיף אַרויס
צום מייסטער, ווי אַ שליחות, ווי אַ גרוס אים,
וואָס אין די סטרונעס זיינע מישט זיך אויס
כל־נדרי פון פאַרהעמערטע אנוסים,

אל מלא רחמים איבער וויסטע שטעט,
ווו ס׳ראָד פון טויט איז איבער זיי אַריבער;
דער ניגון פון קאַפּעליעס, וואָס דער שד
הייסט שפּילן זיי ביים ראַנד פון טויטן־גריבער.

עס וויינט אַ וואָלעכל אין ווײ־און־ווינד
און ס׳שטיקט זיך אַ פאַרשעמטער „צום באַדעקנס"... —
קום, פידעלע, ס׳וועט פירן דיך אַצינד
דיין בויגן, ווי אַ בלינדן קלעזמערס שטעקן.

קום, ווי דער קלעזמער, מיט דיין ליד אַהער,
ס׳זאָל זיין אַ הספד אויף דיין מייסטערס לשון,
און ווער ס׳וועט הערן דיך וועט לאָזן דיר אַ טרער
אַנשטאָט דעם קלונג פון אַ נדבה־גראָשן.

# אַ נאַכט ביי דעם נסתר

שוין לאַנג ווי די טיר זיינע עפנט נישט קיינער,
אַוועק אָן אַ שפור זענען ברידער, קאָלעגן.
דער גרייז=גרויער שרייבער געבליבן איז איינער,
צעשיידט אויך מיט זיינע כתב=ידן, געזעגנט.

ווו זענען זיי אַלע, די פריינט וואָס צוזאַמען
געפריִיט זיך אין ליידן, אין פריידן געליטן ?
ווי בלעטער פון צווייגן און צווייגן פון שטאַמען
צעפליקט, און בלויז אים האָט דער גורל געמיטן.

דאָס בעט איז געוואָרן אים האַרטער פון שטיינער
זינט בערגעלסאָן ליגט ערגעץ=ווו הינטער קראַטעס,
דאָס העמד איז אים נמאס, דער קראַגן דער ריינער
זינט ס׳וואַלגערט זיך מאַרקיש אין קויט און אין שמאַטעס.

ביז איינמאָל, נאָך האַלבנאַכט, ווען ס׳האָט פונעם קרעמל
געשאַלט צו דער וועלט דאָס געזאַנג פון דערלייזונג
אַריין איז צו אים אַ געשפענסטער=געזעמל :
— זיך אָנטאָן און מיטגיין... די כתבים אונדז ווייזן...

דער גרייז=גרויער שרייבער אין טיר זיי באַגעגנט :
— אַך, ענדלעך האָט איר זיך צו מיר אויך דערקליבן.
איך וואַרט דאָך אייך אָפּ יעדע שעה, יעדע רגע,
כ׳וויל זיין ווו די פריינט מיינע זענען פאַרבליבן.

מיך נעמט, נאָר די כתבים זיי וועל איך נישט געבן.
זיי וועל איך נאָך מער ווי מיין לעבן באַשיצן,
זיי דאַרפן נאָך מיך און מיין דור איבערלעבן... —
און לאַמפּן אין ווינקעלעך, זוכנדיק, בליצן...

צעוואַלגערטע ספרים... אַט אייגענע ביכער...
צי וועלן זיי נאָך זיינע פינגער באַרירן ?
די מאַשבער־משפחה, למדנים און יחוס,
באַגלייט איר באַשעפער אַרוים פון זיין דירה.

אַ טרער מיט אַ שמייכל פאַרמישט האָט זיך דעמלט
ביים גרייז־גרויען מאַן אַ געשמידטן אין אייזן.
געשטוינט האָט אַ שטערן, און הויך פּונעם קרעמל
געשאַלט צו דער וועלט האָט דאָס ליד פון דערלייזונג.

## אַ, ווער וועט אונדז אַמאָל דערציילן ?...

אַ, ווער וועט אונדז אַמאָל דערציילן
ווי מעשיות פאַרכטיקע פון היילן,
פון יענעם פינצטערן שגעון,
און פינצטערע שווין לעצטע שעהן,
פון די צוואות פון מאַרטירער,
מיט חסד פון דער לעצטער שמירה
פאַרשריבן אויף די תפיסה־טישן,
מיט בלוט פון האַרץ — נישט צום פאַרווישן,
מיט ווייי פון שאַנד — נישט צום פאַרהיילן —
אַ, ווער וועט אונדז אַמאָל דערציילן ?

אַ, ווער וועט אונדז אַמאָל דאָרט פירן
דורך יענע אויפגעפּראַלטע טירן,
צו יענע ווענט ווו ס'איז פאַרבליבן
אַ צייכן כאַטש, פאַרקריצט, פאַרשריבן
מיט נאָגל פון אַ שווך צי פינגער —
די לעצטע פּען פון פיין פון זינגער,
וואָס דורכגעשניטן דאָרט האָט בליציק
אַ נאָמען לייב, אַ נאָמען איציק.
די שריפט, ווי הייליקייט באַרירן —
אַ, ווער זועט אונדז אַמאָל דאָרט פירן ?

װער װעט מיט אונדז אַמאָל זיך לאָזן
מיט יענע שטעגן װיסט־פאַרלאָזן
צום אָרט, װו װידױ װײנטן קלאָגן,
און װעט זיך אָפּשטעלן און זאָגן :
דאָ בלײב אַ װײלע שטײן געבױגן
און לאָז אַ טרער פון דײַנע אױגן.
צעטראָטן ס׳גרוב, די שפּור — פאַרפאַלן,
װי לעקערטס קבר דורך פּאָן װואלן. —
צו יענעם פעלד, צו יענע גראָזן,
װער װעט מיט אונדז אַמאָל זיך לאָזן ?

# ביי דער הייליקער קופּע

איך שטיי ביי דער הייליקער קופּע אַליין
אַזוי ווי אַ גרויער, אַן איינזאַמער שטיין.

און פּונקט ווי אַ שטיין פון זיין אָרט קען נישט גיין —
כ׳קען אָפּשייד נישט נעמען, זי לאָזן אַליין.

איר רוף־צייכן בין איך, וואָס שטייגט ווערטיקאַל,
און ווי אין אַ האַרץ־ווונד פאַרזעצט אַ קינזשאַל.

געניייגט, ווי אין ווינט אַ צעפּלעמלטער קנויט,
אין אייל פון נר־תמיד — אין בלוט פון מיין הויט.

איך שטיי ווי אַ ליכט אַ פאַרשטעקטע אין זאַמד,
אין רויטקייט פון אייגענער חרפּה צעפלאַמט.

איך שטיי ביי דער הייליקער קופּע אַליין —
פאַרשטומט איז אויף שטענדיק ס׳געזאַנג, דאָס געוויין,

די חקירה, מחלוקה, דער ברוגז, דער שטרייט, —
ס׳האָט אַלע פאַרשמידט — און פאַרברידערט די קייט.

די הייליקע קופּע פאַרצוימט מיר מיין וועג,
פאַרשטעלט מיר די פרייד און די שיין פון די טעג.

עס הערט נישט אויף שטיקן די טרער אין דער קעל —
ווי קען איך אריבערגיין זיי ווי אַ שוועל?

ווי בלוט-שפּורן ווערן פאַרשאָטן מיט ערד,
בשתיקה מ'האָט גיך זייער זכר פאַרקערט;

ס'געריכט — זיך אַנטשולדיקט מיט העפלעכן טאָן,
ווי עמעץ וואָס טרעט אויף אַ הינעראויג אָן...

מ'האָט לאַנג שוין פאַרגעלטונג די קרובים געבראַכט,
דעם תליון אַ פריינטלעכן פאַרוווּרף געמאַכט.

ווי ס'אַרט, וווּ מ'האָט זייער געדעכניש צעזייט,
עס ווערט זייער טויט-שיין פאַרמעקט און פאַרדרייט.

נאָר איך ביי דער הייליקער קופּע אַליין
איך שטיי ווי דער שומר פון זייער געביין.

# ביים בוך „מלחמה” פון פרץ מאַרקיש

פאַר מיין שרייב־טיש, אינעם שענקל, אויף דער ביכער־פאַך
שטייט דאָס בוך בשכנות מיטן ספר פון תנ״ך.

שוואַרץ דער איינבאַנד, ווי דער גורל וואָלט אים איינגעהילט;
ווי עס וואָלט די האַנט פאַר אים דעם טרויער פאַרגעפילט.

שוואַרץ דער איינבאַנד און פון טיטל רויט איז יעדעס אות,
ווי די האַרץ־וווּנד פונעם דיכטער נאָך דעם ביקסן־שאָס.

רויט ווי בלוט און שוואַרץ ווי טרויער — ווער האָט דאָס פאַרטראַכט ?
כ'האָב דאָס קדוש־בוך אין שענקל צו זיין רו געבראַכט.

שטייט עס ווי אַ דענקמאָל, דעם פאָעטס אַ סאַרקאָפאַג —
ס'לעצטע בוך דאָס יידישע — פון יידישן פאַרלאַג...

ווי אַ ברעט פון ארון איז אים ס'ברעטל פון דער פאַך,
אין דער ספרים־ריי — אין חסד און אין שאָטן פון תנ״ך.

ס'בוך פון אונדזער עבר און דאָס בוך פון אונדזער איצט,
מיטן שטויב פון אייביקייט געזאַלבטע און באַשיצט.

ירמיהו און גור־אריה* גיי'ן פון שחיטה־באַרג אַרויס —
ס'בייגט זיך אָן אַ תקופה צו אַ תקופה, שטרעקט זיך אויס.

---

* גור־אריה — העלד פונעם בוך „מלחמה“. אַן איינציק־איבערגעבליבענער, על פי נס ניצול געוואָרענער פון אַ גאַנצער עדה אויסגעקוילעטע יידן.

פונעם נביאס אַרבל רינט דאָס קלאָג־ליד און דער צער —
פון ירושלימס חורבן ביז צום גרוב פון באַבי־יאַר.

ס'איז דער לאַנגער וועג און דויער פון דער צייט פאַרווישט —
חורבן־שטויב מיט חורבן־שטויב האָט ערשט זיך אויסגעמישט.

און ער לאָזט זיך ווי אַ וואָלקן אויף מיין טיש אַראָפּ,
נידערט, נידערט, ביז אין אים פאַרגייט, פאַרשווינדט מיין קאָפּ.

ראַנגלט זיך מיין בליק און רייסט זיך דורכן וואָלקן דורך —
כל־זמן ער, מיין בליק, איז אָפן, לאָז מיך זען דאָס שוואַרצע בוך.

אויף די פּאָליצעס ער קלעטערט, ווי אויף ארון־קודש־טרעפּ —
כ'זע דעם קאָפּ פון אַן אלמנה איינגעהילט אין קרעפּ.

און דער טיטל אויפן שוואַרצן איינבאַנד פלאַקערט רויט,
גלייך ווי אין אַ טרויער־ווינקל — אַ נר־תמיד־קנויט.

# דאָס לעצטע ליד פון פּרץ מאַרקיש

ניס=זשע אָן! — האָט ער צו אונדז דעם כוס געשטרעקט
פון נישט=געזעענעם, פאַרשטעלטן קבר=ראַנד,
וואָס ער האָט אים אין זיינע נעכט שוין פאַרגעאַנט,
ווי ס'אַנט די יעגער=ביקס דער הירש אין וואַלד פאַרשטעקט.

ניס=זשע אָן! — און אין זיין בעכער האָט דער קאַט
אים אָנגעגאָסן סם — מיט ברייטער האַנט —
אין קוואַרטל — צוגעקייטלט צו דער טורמע=וואַנט —
ער זאָל אים טרינקען אין זיין צעלע, ווי סאָקראַט.

ניס=זשע אָן! — אין כוס דער טויט זיין כוס שלאָגט אָן
און קלאַפּט, ווי ס'קלאַפּט די שרעק ביים מענטש אַ צאָן אין צאָן.
ס'שלאָגט אויס דער לעצטער קלאַנג פון לעצטן ליד.

צעבראָכן, אַ פאַרשעמטער ליגט דעם דיכטערס כוס
און ס'בלוטיקן די שפּליטער=שטיקלעך פון זיין גלאָז,
געטראָפן אין מיין האַרץ, אין מיין געמיט.

# די פֿאַרלוירענע שטים

כ'וויל איצט, מיין פֿריינט, אַריבערגיין מיט דיר די שוועל פֿון צייט
און נאָך אַמאָל די שוועל פֿון דעם געהיימען מקום־מקלט,
באַשירעמט פֿון פֿאַריז, אין אירע מויערן פֿאַרוויקלט,
אין געסעלעך־פֿאַסאַזשן, ווי אין וויקעלעך פֿאַרדרייט.
קום גיך און גאָרנישט לאָז פֿון דיר אין דרויסן, הינטער זיך,
נישט דעם געפֿליסטער פֿון דיין קול,
נישט דעם געפֿלאַטער פֿון דיין שאָטן
און נישט דעם זויל־געסקריפּ פֿון דיינע שיך,
קוק אום זיך רעכטס און לינקס מיט פֿאָרזיכט, ווי אַמאָל,
און אויף די טרעפּ די פֿינצטערע פֿאַרשווינדן לאָמיר גיך...

קום איצטער נאָך אַמאָל, מיין פֿריינט, מיט מיר אַהין
צו יענעם היימישן, אַלט־מאָדישן קאַמין,
מיט דעם געפּלאַצטן שפּיגל, אין דער ראַם, שוין מאַט־באַגילדט,
ווו אונדזערע פּרצופֿים האָבן אויסגעזען פֿאַרקרימט און ווילד,
און פֿלעגן אונדז ווי שרעק־בילדער דערמאָנען אין דעמאָנען,
צי ווי פֿון פּעריפֿעריע־צירקן אַלטע לעכערלעכע קלאָונען,
נאָר ווער האָט דען אין אים געמיט זיך איינצוקוקן דאָרט,
אין יענע טעג און נעכט פֿון ניינצן דריי־און־פֿערציק,
ווען ס'האָט אונדז קיין בן־אדם אָנזען נישט געטאָרט,
און מיר אַליין — זיך אויך נישט — האָט אונדז אויסגעדאַכט...

און אין דער שעה דער טונקלער צווישן טאָג און נאַכט,
ווען ס'בענקט דער מענטש אַן איינזאַמער, אַ נע־ונדער,
נישט וויסנדיק אַליין נאָך וואָס, נישט וויסנדיק וווהין,

מיט נייגיר, ווי אַמאָל, מאַך־אויף דאָרטן דעם ראַדיאָ
אויף דעם אַלט־מאָדישן, אַלט־פראַנקישן קאַמין,
און צינד נישט אָן קיין ליכט אין שטוב, ווי דעמלט,
ווען ס'האָט אונדז טריי די פינצטערניש פאַרשטעלט.
די איינציקע באַלויכטונג־שיין, געדעמפּט און מאַט,
זאָל זיין פאַר אונדז דאָס ליכט פון ראַדיאָ־שייבל,
וואָס ציטערט, ציטערט, ווי אַ יאָרצייט־פלעמל.
מען דאַרף נישט, אַז דאָס גיכע, פלינקע ווייזערל פון ראַדיאָ
זאָל אומרואיק־צעטראָגן אומלויפן עק־וועלט
צו ברענגען אונדז דאָס צויבער־ליכט פון עלדאָראַדאָס;
אויף מאָסקווע בלויז, אויף מאָסקווע זאָל עס בלייבן —
ס'וועט אפשר אונדז ארויסרופן די ליכט־שיין, ווי אַ מעדיום,
די שטים, וואָס איך האָב איינמאָל דאָ אַרויסגעהערט,
נאָך דעם ווי כ'האָב געהערט דעם ספּיקער רעדן:

ביים מיקראָ איז דער דיכטער פּרץ מאַרקיש.

אין אונדזער צימערל איז דאַן אַ בליץ אַריין,
פון קיין שום אַפּליימער פאַרהאַלטן, נישט פאַרשטערט.
און כ'זע ווי מיט אַ בלענדעניש די טונקלקייט פאַרפולט ער
און די געזיכטער אונדז באַלויכט ער מיט גאולה־שיין...

ביים מיקראָ איז דער דיכטער פּרץ מאַרקיש. —

ביים מיקראָ — און ביי מיר אין דער באַהעלטעניש צוגאַסט.
כ'האָב קיינמאָל אים אין פּנים נישט געזען און כ'הער אים, כ'הער,
דאָ זיצנדיק באַנאַנד אַ שולטער ביי אַ שולטער,
און בלינד, ווי יצחק יעקבן — איך שפּיר אים לויטן קול
און אַלע זיינע קלאַנגען, אַלע טענער
כ'וויל כאַפּן אין די הענט, און פולע זשמעניעס
אין האַרצן זיי באַהאַלטן פאַראַמאָל,
ווי זיך אַליין — אין גרוב פון אונטערערד.

איצט ווו איז זי, די שטים? ווער האָט זי ווו געהערט?
כ'שטעל־אָן ס'געהער מיינס שאַרף און אין דער שטילקייט כ'לויער.
ווי מיט עקשנות און געדולד דער יעגער נאָך זיין פאַנג,
איך זוך זי אין די בין־השמשות־ווינקעלעך די גרויע,
ווו זי האָט אָפּגעשלאָגן זיך אין איר פאַרגאַנג.
נאָר כ'הער נישט פון אַ מינדסטן עכאָ מער דאָס קלינגען.
אַ שטיין אפילו, ווען ער פאַלט אַריין אין טייך,
ער גייט דאָך אויך נישט אונטער אָן אַ שפּור און צייכן
און לאַנג נאָך ציטערן נאָך אים די וואַסער־רינגען;
איין רינג באַשאַפט אַ צווייטן רינג — זיינס גלייכן,
און היטן, אַז דער שטיין זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן גלייך.
און זי, די שטים, איר נאָכקלאַנג כאָטש ווו איז איצט, ווו?
אַ קברים־שטילקייט בלויז איז מיר נאָך איר געבליבן,
אַ שטילקייט און אַ רו, וואָס גיט מיר נישט קיין רו...

— — — — — — — — — — —

פאַרמאַך דעם ראַדיאָ. זאָל פאַרגיין די ליכט־שיין פון מיראַזש.
אין אונדזער פענצטער האָט זיך שוין די נאַכט פאַרקליבן,
אַ שאָט געטאָן אַ זשמעניע שטערן, קאַלט און גרין.
די חשכות האָט פאַרדעקט דעם אַלטן שפּיגל ביים קאַמין,
און ביי דעם ראַדיאָ־קעסטל זיצן מיר, ווי ביי אַן אורנע אַש.

# דער פאַרהאַנג איז געפאַלן

צום אָנדענק פון שלמה מיכאָעלס. געשריבן
צום צענטן יאָרצייט נאָך זיין טויט

טרויעריק האָט אָפּגעשפּילט אַ פריילעכס דאָס טעאַטער,
אַראָפּגעלאָזט האָט זיך דער פאָרהאַנג ווי אַ טויטן־טוך.
מען דאַרף נישט מער די זשופּיצעס, דעם בערדיקן געפלאַטער.
צי זענען זיי פאַרשוווּנדן ערגעץ דורך אַ כישוף־שפּרוך?

דער וואָרעם קען שוין אָנהויבן דעם רעקוויזיט צו טאָטשען —
מען דאַרף נישט מער די צניעותדיקע סאַמעט־שוואַרצע צעפּ,
מען דאַרף נישט פאַר די קעפּ שוין די פאַרוקן מער פון קלאָטשע
און אויך פאַר די פאַרוקן דאַרף מען שוין נישט מער די קעפּ.

ס'ליגט צעוואַלגערט דער אָרקעסטער, אויסגעמישט, ווי נאָך אַן אָרגיע,
אויסגעוויינט פאַר אַלע צייטן האָט זיך שוין די פליוט,
אַ טרויער־ניגון איז געבליבן שטעקן איר אין גאָרגל,
אַ טרויער, וואָס מען הערט אַרויס אפילו פון אַ פרייד...

די קעפּ פאַרוואָרפן, ווי געקוילעט, ליגן פידלען, באַסן,
זיי וועלן נישט באַגלייטן מער התלהבותדיקע טענץ.
פונעם פאַרהאַנג דאַרף מען אפשר רייסן קריעה־פּאַסן;
ס'וויינען, הענגענדיק, אַראָפּ פון אים די טראַלדן און די פרענדז.

אַרוים וועט אין דער פינצטער באַלד דאָס פלאַטערניש פון רוחות.
עס האָט אַ שטורעם מיטאַמאָל פאַרלאָשן אַלע לעמפּ.
ס'האָבן זיך צעהוליעט און פאַרמאָסטן זאַוויערוכעס
אומצוליינגן ערגעץ אינעם וואַלד דעם שטאַרקסטן דעמב...

פאַרהאַנג, מיין פאַרשוועכט פּרוכת, רייס זיך אָפּ אין צאָרן,
פלי אַוועק! די פאָלעס דיינע — פליגלען אויפן ווינט.
ערגעץ ביי די מינסקער חורבות ליגט אין שניי אַ הרוג, —
ווער, ווי דו, איז ראוי צו פאַרדעקן אים אַצינד?

דעק אים איבער! ס׳קענען אים נאָך קראָען זיין מטמא!
זע, די שטערן נידערן אַראָפּ פון זייער רו —
אויסצוהעפטן מיטן גאָלד זיין נאָמען אויף דיין סאַמעט:
ש ל מ ה  ב ן  מ י כ א ל — לייגט זיך שטערן צו אַ שטערן צו.

ס׳ציען שאַנד־פאַסן אין שניי — פאַרקריצטע רעדער־קאַרבן...
ס׳איז אויף אים אַ חיה־רעה פון דער נאַכט אַרויס.
אינעם שניידיקן געפּריר זיין מאַרך רינט אויס פון שאַרבן
און פון מאַרך — אַן אַלטער, שיינער כישוף־טרוים רינט אויס.

ס׳לייכטן פאַרכטיק אייז־ליכט ווייסע דאָרט ביי זיין צוקאָפּנס,
און דער בלאַנקער שניי — זיין טהרה, טוט אים דאָרט זיין רעכט,
ס׳טראָגן זיך אַרום די ווינטן מיטן קלאָג־ליד שאָפּעַנס.
ס׳וועלן זיין דערמיט פאַרשאָלטן די רואינען אַלע נעכט.

צוויי אויטאָ־לאָמפּן קערן דורך די נאַכט מיט אַ גענישטער,
פאָלגן נאָך זיין שאָטן און פאַרקלעמען דאָרט זיין גאַנג;
ס׳צאַפּלט אין אַ ליכט־נעץ אַ באַשעפעניש אַ נישטיקס,
אין אַ תחום פון בלענדיקייט עס וואַרפט זיך אין געפאַנג...

וואָס האָט זיך אַזויפיל שיין אויף אים צונויפגעקליבן?
ווי ס׳וואָלט אים דאָס בינע־ליכט אין זיין טריאומף באַלייכט.
אונדזער לייב־און־לעבן אין די רעדער ליגט צעריבן,
און מעפיסטאָ אין די חורבות פאַר געלעכטער קייכט.

פאַרהאַנג, דו מיין יום־טוב־טישטעך, אַ פאַרשוועכטס, באַליידיקטס,
פלי אַהין! די קראַען מיט דיין פאַך פון אים פאַרטרייב!
מיט די בלוט־פאַרשמירטע שנאָבלען מאַכן זיי הספדים
און זיי זענען זיך מטפל מיט זיין טויטן איבערבלייב.

מאַכט דאָרט ריין דאָס אָרט! — פון לעכער, ווי געהיימע גראַטעס.
שפּאַנט אַ שאָטן, ווי די שטיקער חורבות, בולט, שאַרף —
ס'קומט צו שלייכן כאַריק — ס'יינגל פון די מינסקער בלאַטעס,
אויפן האַרץ — מיט קוילן דורכגעזיפּט, זיין שטילע האַרף.

נישט געוויקלט אין קיין זיידן העמד, געקרייזלט־האַריק —
ווי אַמאָל... ער שטייט געבויגן איבער אים און וואַסט, און וואַכט,
ביז דער שפּראָץ אויף טאָג אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם הרוג.
דאַן פאַרשווינדט ער. און ס'דעקט אָפּ אַ שוואַרצן פלעק די נאַכט.

ס'גייט נישט אָפּ זיין שפּור, כאָטש ווינטן מאָלן אים און מישן —
די פינגער־צייכנס פון פאַרברעכער זענען דאָרטן אָפּגעדריקט —
די רעדער־קאַרבן אינעם שניי — ווער פּרווט זיי צו פאַרווישן?
אין העלן טאָג — ווי אויף אַ קאַטאַפאַלק — דער הרוג ליגט.

אַ בערגל האָרבט זיך שוואַרץ, פאַרלאָזט, אין באָדן איינגעשניטן,
ווי פון אַ דערטרונקענעם די קליידער ביי אַ ברעג.
ס'דרייען וויוגעס אין די נעכט און ווילן אים פאַרשיטן.
דער שניי צעגייט שוין ס'צענטע מאָל. און ס'בלייבט, עס בלייבט דער פלעק...

יאַנואַר 1958

# ביינאַכט אויפן בוידעם פון יידישן מלוכה־טעאַטער

וועןְ דער אַלטער טורעם=זייגער ווי אַ קמצן
ציילט=אויס פּאַמעלעך=פּאַרזיכטיק דעם צוועלפטן קלאַנג צום הימל
און פאַריאָגט מיט זיין געקייקל שוין די לעצטע גייער=טריט
און עס נעמט די נאַכט געוועלטיקן אינגאַנצן —
לעבט=אויף דער לאַנג=שוין=איינגעפּאַקטער רעקוויזיט
אין פאַרהאַקטן בוידעם מיט די שלעסער פון פאַרבאָט.

געלאַסן טשוכעט ער זיך דערמאָלט אויס
פון אומפּלייט און פון ווערמיקן געווימל,
באַפרייטע פון די פּענטעס לאָזן זיך אַרויס
פון פּעק און קאַסטנס, פון די ווענט און הענגערס
די קליידער און קאָסטיומען, רייען גאַנצע, מענגעס.
ווי יורדים, וואָס זיי האָבן נישט דעם שטאָלץ פאַרלוירן קיינמאָל,
טרייסלען זיי אַראָפּ פון זיך די טוכלעקייט און שימל,
ווי אַ לעסטערונג און שפּאָט.

די זשופּיצע, דאָס שטערנטוך, דאָס שטריימל,
די פּלודערן, די שובע און דער שפּענצער,
די סערמינגע, דער לייבצודאַק און דער צילינדער —
פאַרגאַנגענע געשטאַלטן און געשפּענסטער
פון לאַנג=שוין=אָפּגעשפּילטע שטיק און ראָלן,
פאַרגעסענע–צעגעסענע פון צייטן און פון מאָלן.
עך, געשווינדער! עך, געשווינדער!
פון אונדזער עבר פּראַוועט, אומפּלייט, זיך אַ סעודה!
קיין מינוט נישט רוען — ראַיען, ראַיען!
שטיקער פרעסט פון אונדז און צופּט און טעפּעט אין גערודער!
ווייל מער פון אייך נאָך פרעסט אונדז אויף די פּיין און דער בזיון.

און מיט די קליידער־שפּילער ווערט דער גאַנצער בוידעם פול,
ווי אויף דער בינע פֿאַרן שלום פון שפּיל, דער פֿייערלעכער, ענדע,
פֿאַרזאַמלען פלעגט זיך דער אַנסאַמבל אין זיין פולן גלאַנץ.
און ווי פּאַרצייטנס אויפן בוידעם פון דער פּראַגער שול
אַ רוח החיים ווערט אַריינגעבלאָזן
אין חומר פון די אַלטע, אָפּגעשאָסענע געוואַנדער.
אין שטאָפּן, וווּ קיין איינציק שטיק איז מער נישט גאַנץ,
איז גאַנץ נאָך אַלץ דער טרוים פון ווידערלעב און דאָזיין,
און ווי אַן אָדער שלאָגט אין זיי אַיעדער צווּט:
מיר זענען נאָך נישט טויט!
מיר זענען נאָך נישט טויט!

דער שימל שלאָגט פון אונדז חלשותדיק און גרין.
מיט פוילע ריחות אומהיימלעך, פאַרדומפּן,
שטיקן זיך די בוידעם־שפּאַרעס אומעטום, —
דעם אומפּלייט קען פאַרסמען דער גערוך פון נאַפטאַלין,
ער האָט אָבער קיין צוטריט נישט צו אונדזער יחוסדיקן רום.

ווער זאָגט, מיר האָבן זיך פאַרמשפּט גאָר אַליין
צום דאַרן־קוואַרן און צום ווערן איינגעשרומפּן?
אַז אויפן בוידעם האָבן מיר פאַרשלאָסן זיך אַליין —
צום אונטערגיין!?
די שטאָלצע און בכבודיקע שמאַטעס!
עס פאָכען מיט דערווידערונג די שלומפּערדיקע אַרבל,
פון מייז צעגריזשעט, נאָר פאַרהויבן מיט נביאים־פּאַטאָס,
געשטרעקטע אין אַ טענה־תנועה און עקסטאַז:
פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט אונדז אין שטויביקייט צו שטאַרבן?
אוי, וווּ איז ער, דער יום־טוב אויף אונדזער גאַס?

פאַר די צויטן, פאַר די שטיקער פּאָלעס,
פאַר די הענט זיך אַנגענומען, ווי אַמאָל,
צום דערשיינען פאַר דער ראַמפּע פאַרן פּובליקום.

קיינער, קיינער זאָל נישט פֿעלן אין דער צאָל.
קומט יעדער מיט זיין שטיק און מיט זיין ראָלע,
קומט יעדער מיט זיין גרים און זיין גרימאַסע
און יעדער מיט זיין מים און מיט זיין מום.
אוי, וועט זיין דאָס אַ ספּעקטאַקל,
ווי ביים פֿולסטן זאָל און ביי דער גרעסטער קאַסע.
אַ ספּעקטאַקל, אַ ספּעקטאַקל —
פֿון אונדזער שטויביקן סך־הכל.

שטיל. נאָר ערגעץ גראַבלט ווו אַ הונגעריקע מויז
אין אַ פֿאַלשן, אויסגעמאָלטן טאָפּ פֿונעם דעקאָר,
נאָר די קליידער־שפּילער דאַכט זיך, אַז זיי הערן דעם סופֿליאָר,
קוים־קוים, פֿאַרשטעקט אין קעסטל זיינעם, ווי די מויז.
זי בייסט און קנאַקט און ווערט גאָרנישט אַנטשוויגן.
זאָל זי. מען באַדאַרף נישט דעם דעקאָר.
אינעם קויט צעוואַלגערט ליגן זאָל דער ליגן,
בעסער זאָל מען זען די וואָר,
די וואָר.

אַ לבנה־פּאַס אַ שמאָלער דרינגט אַדורך אַ שפּאַרע
און דעם קנויל פֿון די געשטאַלטן קלאָרער נאָך אַנטפּלעקט דאָרט,
דאַכט זיך אוים די שפּילער, אַז דאָס איז אַ ליכט־רעפֿלעקטאָר,
אַ רעפֿלעקטאָר אויף דער בינע. — מאַכט, קאָלעגן, אים אַ וואַרע!
אונדזער אויסגעבענקטע שיין, דו ליכט געגאַרטס! —
און זיי שטעלן אוים צו אים די לעכצנדיקע צורות,
אויסגעקרימטע צורות מיט העוויות פֿון לוויות,
אַזש דעם בליק זיי מוזן פֿאַר דער בלענדעניש פֿאַרזשמורען
(נישט קיין וווּנדער: שטענדיק אין דער פֿינצטער, קויטיק, שוואַרץ).
— מיר אויך! מיר אויך! אַן עוקץ שיין, אַ טראָפּן, צו דערקוויקן ס׳חיות! —
און מען שטרעקט אים אוים פּראָפּילן ווי פֿאַרדאַרטע פֿלאַנצן:
נעם אונדז, ליכט, אוי, נעם צו זיך אַריין אינגאַנצן!

אַך, ווי ס׳ווילט זיך זיין געזעען! אַך, ווי ס׳ווילט זיך זיין געהערט!
שפּילן, שפּילן!
איינמאָל כאָטש נאָך אונדזער ווערט דערפילן,
אונדזער אייגן־ווערט.
שפּילן — כאָטש אַפילו אויפן ברעט פון בוידעם,
שפּילן — נאָך אפילו אויפן ברעט פון ארון!...
שפּילן, שפּילן! —
אַ שפּיל פאַר אַלע אונדזערע פאַרשפּילטע יאָרן.

און מען נעמט זיך אין דעם ליכט־פאַס ענגער טוליען,
ס׳זאָל פאַר יעדן סטאַיען כאָטש אַ ניצוץ פון דער שיין,
ס׳נעמען די בגדים ווי פאַרכישופטע זיך הוידען,
ס׳לאָזט דער גאַנצער קנויל זיך אין אַ ריקודל אַריין,
ווי באַהאַפטן דורכן מולד אין אַ פאַרכטיקן באַריר. —
טאַנצן! — מיט די בעטלער־טאָרבעס און די קריפּל־קוליעס,
ווי אַמאָל, אויף לאהס חתונה, ר׳ סענדערס דעם גביר,
אוי, קום, כלה, טאַנצן... נישט געטאַנצט שוין אַזוי לאַנג...
שוין פאַרגעסן באַלד פון חופּה־מאַרש דעם קלאַנג...
פאַרגעסן שוין אינגאַנצן...
קום, כלה, טאַנצן...

צוגעשמידט צו אונדזער היים־געליבטן ברעט,
האַלט זיך, ברידער, פאַר די אַלטע פאַלדן און די נעט!
קיינער, קיינער וויל די בינע נישט פאַרלאָזן.
איז פאַרוואָס־זשע קומט עס אונדז, פאַרוואָס, אויב קיינער? —
און ווי אַ געיאָגטער הונט דעם ביין אין זיינע ציינער,
טראָגן מיר פאַרעקשנט אונדזער לעצטן ביסל דאָזיין... — — — —

פינצטער שוין. און אויפן דאַך פון בוידעם גייט אַ גאַס.
הערט נאָר, חברה, הערט נאָר דעם אַפּלאָז — — —

פלוצים שטילט און שטעלט זיך איין דער רעש.
אויגן־לעכער ווערן ברייטער און נתפעל.
אַנשטאַט שיין — אַ שאָטן דרינגט אַדורך די בוידעם־שפּאַרע.
ווער איז דאָס? — מיכאָעלס!... אונדזער רביניו... מיכאָעלס!...
פון דער קאָלומבאַריע קומט ער, פון זיין קעסטל אַש.
אין געאייל, ווי צו אַ לעצטער פּראָבע קומט ער אָן! —
רוקט פּאַנאַנדער, ברידער, ס׳ראָד און מאַכט אים ברייט אַ װאָרע!
ברייטער, ביז צעשפּאַרן וועלן מיר די בוידעם־טויערן.
אַ פאַרבלוטיקט אויטאָ־ראָד אַרום זיין קאָפּ — זיין אָרעאָל,
טראָגט ער אויפן נאַקן, ווי זיין גורלדיקן עול,
(שטאָט דער קרוין — און קרוין־ראָל — פונעם קעניג ליר אַמאָל)
און ווי ישו אויפן קאַרק זיין קרייץ אויף דער גאָלגאָטע.
דעם אַנסאַמבל פון די שפּילער קוקט ער אָן מיט חידוש:
אָך, וואָס טוט איר, חברה, וואָס? צו הויך, צו הויך דער טאָן.
איר פאַרגעסט אוודאי, אַז איר שפּילט אויף ייִדיש...
שטילער... שטילער... ס׳האָט דער בוידעם אויערן...
ש... ש... ס׳האָט דער בוידעם אויערן...

און אָט שוועבט אַריין פון דרויסן דורך דער שפּאַרע נאָך אַ שאָטן.
ווער קען דאָס אים נישט? — זוסקין, אונדזער טרויעריקער לץ!
זיין נאַרן־מיץ פון קוילן איז געלעכערט און צעשאָטן,
מיאוסער נאָך, לצנותדיקער, נאָר עס לאַכט נישט קיינער.
אינעם רחבותדיקן היימלאַנד ערגעץ ליגן זיינע ביינער,
אפשר טרעפט זיי אָן אַן אַקער מיט אַ קלונג און זעץ.
קלינגט ער אויס אַ טרויער־ליד אויף זיינע אויסגעשפּאַטע ביינער. —
דאַרפסט נישט מיט די נאַרן־גלעקלעך קלינגען, אונדזער לץ,
דאַרפסט אונדז מער נישט פריילעך מאַכן — ס׳וועט נישט לאַכן קיינער.

ליבע אורחים פון דער נאַכט, געבענטשט איז אייער קומען.
הערט אין אונדזער פּלאַטער זיך צו אייער אָטעם איין.
וו נאָר ס׳איז אַ טראַנטע און אַ פּאָלע־שטיק פאַראַנען —
ברידערלעך פאַרקניפּטע, פאַר די אָרעמס אָנגענומען,

קומט אין דעם געווירבל־רינג אין אונדזערן אריין.
לאָמיר פאַר דער ראַמפּע מיט אַ טענה זיך באַווייזן:
אָך, פאַרוואָס קומט אונדז אין דער פאַרשלאָסנקייט צו זיין?
אָך, פאַרוואָס איז קיין שום זכות פאַר אונדז נישט בייגעשטאַנען? —

מילא — נישט דעם מיראָפּאָליערס שופר, נישט זיין שטריימל;
נישט די שוואַרצע ליכט און די פאַרשטערטע חופּה,
אָבער שימעלע סאַראַקערס קלינגענדיקע שער־און־אייזן!
טוביהס דאַרע שקאַפּע און זיין פּראָסטע בייטש און ציימל!
מילא — נישט דאָס זאַנטיקל מנחם־מענדלס פון יעהופּעץ,
נישט די בעטלער־טאָרבע איבער שווועלן, איבער הייזער,
אָבער בויטרעס יושר־מעסער דאָס געהיימע,
הירשקע לעקערטס שפּייער! —
אונדזער חלק בלוט און פייער,
אונדזער בלוט און פייער!...

די טרער אַן גליצערין וואַשט אָפּ פון זיי די פאַרבן,
און ס׳צייכנט זיך, אַן גרים, פון מאַנונג דער גרימאַס:
פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט אונדז אין שטויביקייט צו שטאַרבן?
אוי, ווו איז ער, דער יום־טוב אויך אויף אונדזער גאַס? — — —

פּלוצים רייסט דער קליידער־רינג זיך איבער אין בהלה,
ס׳לאָזט זיך אָפּ אַ האַנט פון האַנט, אַ פּאָלע פון אַ פּאָלע,
און ס׳צעלויפן אין די ווינקלען די צעפּאַכעטע געוועגדער:
עס טאָגט! עס טאָגט! זייט גרייט!
דער האָן האָט שוין געקרייט —
אויפן אַלטן פּלויט פון דער לעגענדע.
גיכער צו די הענגערס, צו די קאַסטנס, צו די פּעק,
אַוועק!
אַוועק!

און כאַטש מען רופט אויף „בים!“ פון אומעטום,
געשעצטעם פובליקום,
די שפיל איז שוין צו ענדע,
די שפיל איז שוין צו ענדע. — — —

אַ זון־שטראַל נעמט דעם שפּיץ פון טורעם ווי אַ לייכטער צינדן.
ביי דער שיין פון אויפגאַנג דאַרפן מיר פאַרשווינדן,
דאַרפן מיר פאַרשווינדן...

1958

# די פֿלייט פֿון די אַלפּן

# כ'פאַרריים מיין קאָפּ...

כ'פאַרריים מיין קאָפּ אַרויף צו אייך, איר באַרג־שפּיצן קודלאַטע,
גיבורים איינגעפּרעסט אין פעלדז, מיט פאַנצערס דורך יאָרהונדערטער געשמידטע.
מיט רעק פון פורפור — זון־אויפגאַנגס, און קופער־העלם, וואָס דריקט און מאַטערט,
און קרוינען בלענדיק־זילבערנע פון שנייען אייביקע באַדעקט.
כאָטש כ'ווייס, צו אייער שווינדלענדיקער הויך מיין פוס האָט נישט קיין שליטה,
מיין וואַנדער־שטעקן — און מיין פען — האָט אייך פון שווייגן אויפגעוועקט.
מיין פען האָט ווי אַ שאַרפער בליץ צעריסן אייער וואָלקנדיקן הולך,
איר זאָלט פאַר מיר אין אייער אור־פּראַכט שטיין אַנטפּלעקט פון ווייט.
איך האָב אייך ליב צו זען אין נעפּל־שלייערס טוליענע, פּיאָלעט און בלוילעך,
וואָס זענען ווי געדיכטע לויער־נעצן פאַר מיין בליק פאַרשפּרייט...
און גוט איז מיר אייך נאָכצופאָלגן שעהנווייז, ביז גאָרער ווייט אייך נאָכצוקוקן,
צו זען אייך טראָגן וועלדער הויך, ווי לייבן־גריוועס, אויפן רוקן,
און וואָס אין שקיעות פלאַמען זיי, ווי ריזן־קאַמען פונעם גאַליער־האָן,
און זען ווי לויט אַ יעדן וועטער־טויש און צייט איר ענדערט אייער מראה,
ווי לייכט צו בייטן די הלבשה יעדע שעה עס קומט אייך אָן:
נאַר־וואָס האָט איר אַ בעקן זייפן־שוים געטראָגן אויפן קאָפּ — אַ כמאַרע,
און שוין זענט איר אַרוים פון איר מיט הויבן, גרין און ראָז,
פאַרשלייפט מיט שטראַלן בלענדט איר פילקאָלריק, ווי געשליפן גלאָז.
געקומען איז דער מענטש צו אייך מיט שטיין און רידעל, זשוויר און לאַמען,
און העכער אַלץ און העכער אייך אַרומגעקרייזט מיט וועגן, ווי אַ שרויף,
דאָס ברומען פון דער פּרעססמאַשין האָט אָפּגעהילכט אין טאָלן און אין תהומען
און אויסגעמישט זיך מיטן אייביקן געזאַנג פון אייערע קאַסקאַדע־שטראָמען.
מיט ראָד און וואַלץ האָט זי געשטעמפּלט דאָן צו אייך דעם צוטריט באַרג אַרויף.
און וועג נאָך וועג איז איצטער אַרום אייך פאַרדרייט, פאַרגאַרטלט און פאַרשנורט,
מיט פויזנדיקע אויטאָ־קאַראַוואַנען, ווי מיט פּאַסן גלאַנציקע אַרומגעגורט,

און ווי ספּיראַלן שטאָלענע, ווי שווינדלטרעפּ זיי טראָגן זיך אַלץ העכער,
אייך האַלדזנדיק זיי פירן צו ישובימלעך אויף אָפּהאַנגען און פעלדזן־לעכער.
מיט אַלטע טורעמלעך, מיט שייערס, שטאַלן און מיט שטיבעלעך, ווי טויבן־שלאַקן
וואָס יאָרן־לאַנג באהבה טראָגט איר זיי אויף אייער האַלדז־און־נאַקן.
און איך, וואָס אייך צופוסנס יינגער ווערט מיין האַרץ אין אייער זכות —
כ׳פאַררייס מיין קאָפּ אַרויף צו אייך און איך הויב אויף מיין האַנט מיט גרוס.

# אַ לויב צו די בערג

אויף די העלדזער פון בהמות קלינגען גלעקער ערגעץ־ווו, —
וואָס קען זיין נאָך מער אַ פרידלעכער און שלווהדיקער ניגון ?
אויף די ווייכע, גרינע פלושן פון די טאָלן ליגט די רו,
נאָר איך הער דאָ אַלץ דעם ווידערקלאַנג פון שלאַכטן און פון קריגן.

כ׳נייג פאַר אייך מיין קאָפּ אין אָפּשיי, בלווילעכע סאַוואָיער בערג,
ווי קען איך דען אויפהערן אייך רימען היינט  און לויבן,
אַז איר פלעגט מיט אייערע געזונטע, פעסטע קערק
אונטערשפּאַרן מיר מיין לאַסט אין וואָגל, אַנגסט און שטויבן;

אַז ס׳האָט אייער יעדע סקאַלע זיך געשליפן און געשמידט, —
דעם קדמונימדיקן כוח אויפן פיינט אַראָפּצולאָזן,
יעדער באַרג־שטראָם האָט אין צאָרן קעגן אים געשוימט, געזידט,
צו פאַרפירן זיינע טריט זיך מיען פלעגן אויך די גראָזן.

ווען עס זעצן זיך פאַרנאַכט־צייט שוין די הינער אויף דער שטאַנג
און די זון אין מערב זעצט זיך הינטער אייך שוין, הויכע גברן,
וועל איך אויך מיט אַלטע באַרג־לייט זעצן זיך און הערן לאַנג
זיי דערציילן וווּנדער־מעשיות פון געוואַגטע מאַקיזאַרן.*

— אונטן, זעט, אַרום – אַ האַלבקרייז מאַכט אַ זקניש־מידע האַנט —
קומען פלעגט דער דייטש און שנאַפּן, נאָר אַרויף צו זיי נישט וואַגן —
זענען אַלטע באַרג־לייט שטאָלץ מיט זייער גבורהדיקן קאַנט
און זיי בענטשן די פאַרפירנדיקע שטעגעלעך־זיגזאַגן.

---

* פּאַרטיזאַנען

און זיי פּאַטשן אין דער פּייקע מיטן מויל, פּאַרקוקטע שטאַר —
זי איז לאַנג שוין אויסגעגאַנגען, אויסגעלאָשן, נישט צו וויסן,
נאָר דער הימל אַלע שטערן אָנגעצונדן האָט דערפאַר, —
האָט זיך דער גראַנאַט אויף שפּליטערס, ווי אַמאָל, צעריסן ?

כ'זע דעם שענסטן שטערן דורך אַ וואָלקנדל אַ לייכטס,
ווי אַ דימענט אויף אַ קישעלע אַ סאַמעטן, אַ ווייכן.
כ'וואָלט אַראָפּגענומען אים — ווען כ'וואָלט צו אים דערגרייכט —
און כ'וואָלט אייך, סאָוואָיער בערג, פאַרשפּילעט אים — פון רום אַ צייכן.

# די מיל

אין טאָל צווישן ביימער באַהאַלטן,
אין קוסטעס און גראָזוואַרג פאַרשטעקט,
דעם זילבערנעם באַרג־שטראָם דעם קאַלטן
דער קאַנט, ווי אַן אוצר, פאַרדעקט.

פון וואַסער, וואָס קאַטשעט זיך לויפיק,
די קראַפט זויגט די מיל דאָרט און צאַפּט.
דאָס מיל־ראָד — דעם דערפּעלעם דופק,
אַן אויפהער מעת־לעתנוויז קלאַפּט.

אַמאָל בלויז פון שוים פונעם טייכל
עס טשוכעט דאָס מיל־ראָד זיך אויס,
ווי ס׳וואָלט נישט באַנומען דעם שׂכל
פון שטענדיקן דריי און געברויז;

אַז חיות דורך אים ווערט געטריבן
צו שוועלן, באַנייטע און פריש,
דער קערן פון זאַנג ווערט צעריבן,
אַז גאַנץ זיין דאָס ברויט זאָל צום טיש.

אַ וואָגן מיט ווייץ אָדער קאָרן
רוקט־אָן ווי אַ ריזיקער יעזש,
דאָס פערד און דער פּויער — פאַרלאָרן
אין תבואה — צעגאָסענער מעש.

דער קרעכץ פון דער לאַסט איז גאָר טייער
ווען ס'פּאָלגט נישט דאָס פערד מער די לייץ;
אַ גאָלדענער שטראָם אינעם שייער
וועט געבן מיט בלענדשיין אַ פלייץ.

עס קען נישט דאָס ראָד קיין הפסקה
ביים קילן און שוימיקן ברעג,
ווו ס'זיצט זיך די מיל ווי אַ קוואַקע
אויף אייער — די ווייצענע זעק.

פאַרפילן וועט זי אַלע ציכן
מיט גוטע חלומות אסך,
מיט ריחות פון זעט — אַלע קיכן,
און פרידלעכן רויך — יעדן דאַך.

# זעאונג אין די בערג

דאָס ישובל, וואָס דראַפּעט זיך און קלעטערט
פון טאָל אַרויס אָנמעכטיק — פון זיין צוים —
אַ שיף, וואָס האָט זיך אין אַ פעלדז צעשמעטערט
און זינקט אַראָפּ צום ים־גרונט, צום תהום.

ווי איבערבלייב פון ברוך, די שטיבלעך שווימען,
אין אימה טוליעט זיך אַ דאַך צו דאַך,
קאַיוטעס — שטאַלן — פול פאַרצווייפלונג־שטימען,
נאָך בלאָנקען, וואַנדלען אויף דער אויבערפלאַך.

מיין פענצטער־ראַם פילט־אָן מיט אַנגסט די לאַנדשאַפט
אין רונד פון טאָל פאַרקלעמט און איינגעפּאַסט.
כ׳נייג צו ס׳געהער: קיין רוף מער פון דער מאַנשאַפט,
דער קלויסטער־שפּיץ נאָך שטאַרצט — פון שיף דער מאַסט.

כ׳פאַל אויף דאָס פענצטער. מיטן פלי פון פייגל
לאָז איך זיך ווי אַ פייל צום טאָל אַראָפּ,
כ׳ריים דורך דאָס זון־ראָד ווי אַ רעטונגס־בייגל —
צוהילף! צוהילף! — כ׳פאַרוואַרף אים אויף מיין קאָפּ.

# קברים אין די בערג

דעם הויכן בארג צופוסנס איז פאראנען
א קליין בית־עולמל,ביים ראנד פון פעלד,
פון זיבן קברים — זיבן פארטיזאנען —
אן אפנס, פון קיין צוימען נישט פארשטעלט.

באשיידענע מצבה־שטיינער זיבן,
מיט שארפקייט, ווי די קוילן, בלויז פארשפיצט,
זיי האבן דא, ווי גריפלס, איינגעשריבן
דעם העלדן־רום, לזכר איינגעקריצט.

אין הימל — אינעם בלויען בלאט, דעם בויגן,
זיי זענען שטענדיק איינשטעכן זיך גרייט;
ווי זיבן פיילן וואלטן אפגעפלויגן
מיט זיבן נעמען צו דער אייביקייט.

ס'באזיימט זיי נישט קיין פלויט פון שטיין צי צווייגן,
עס נעמט זיי בלויז די ליבשאפט היים ארום;
ווער ס'גייט פארביי דעם וועג, פארבלייבט אין שווייגן,
באהאפטן מענטש און שטיין — פארקלעמטע, שטום.

דער בארג־מענטש טרייבט פאמעלעכער דאס אייזל,
דער פויער לאזט די אקסן פרייער, לויז;
אין וואנדערונג דער פרעמדער אויף זיין רייזע
פארהאלט זיך און פון אויטא שטייגט ער אויס.

ערשט נעכטן האָבן פינגער אַנאָנימע
צאַרט אויסגעגלייכט דעם רויטן שאַרף, דעם באַנד,
די פרישע רויזן ליגן ווי אַ חתימה,
אַן איינגעטונקענע אין בלוט פון קאַנט.

די בענדער אויסגעלייגטע אויף די קברים,
ווי ווייזערס אויף אַ וועג — צו רעכטס און לינקס,
זיי ציען זיך ווי אויסגעשטרעקטע אָרעמס
צום ווילדן שפּיץ, וואָס הויערט ווי אַ ספינקס,

וווּ שטעגן שלענגלען זיך זיגזאַגיק־שמאָלע —
אַ בליץ — וואָס וועט אין טונקלען מאָך פאַרגיין,
וווּ ס׳לויערט אויפן שפּאַן פון מענטש די קללה,
דאָרט, וווּ דער באַרג איז שוין האַלב־ערד, האַלב־שטיין.

וווּ ס׳האָט אין פעלדז דער אוראַלט אויסגעשליפן
אַ וויסטע הוילעניש, אַ טיפע הייל,
פאַרקליבן האָט זיך צווישן שאַרפע ריפן
דאָס פעלד־שפּיטאָלעכל פון שיסער־טייל.

צום דופט פון מיענטע מישט זיך אויס דער קאַרבאָל
און לעם גראַנאַט איז נאָנט די עטער־פלאַש,
כאָטש ס׳האָט נאָך לער געבאָמבלט זיך דער אַרבל —
געריסן האָט די האַנט זיך פון באַנדאַזש.

נאָר איינמאָל דאָס שפּיטאָלעכל אין פיבער
צעטרייסלט פון קאַנאָנען האָט דער קלאַנג,
געפּויזעט האָט צו אים דורך שטיין און גריבער
אַן אור־באַשעפעניש — דעם שונאס טאַנק.

די ווידערקלאַנגען קרימען נאָך און שפּאָטן
פון שאָס, וואָס האָט אין פעלדזן זיך פאַרקרעקט.
די זיבן האָבן זיך אין קוסט צעשאָטן,
ביים אָפּהאַנג דעם צעוויגטן זיך פאַרשטעקט, —

די טרייע הייל, די גראָטע צו באַשיצן,
דעם ריקצוג פון דער האַלב־פאַרהיילטער ווונד,
אַרום די קעפּ די פלאַמען־וואַרפערס בליצן
אַנטקעגן דער רפואה, דעם געזונט.

און נאָכדעם ווי די מחנה האָט פון גראָבן
געזען: דער קראַנקער קאַראַוואַן איז דורך,
די שקיעה־שאָטנס פון די פעלדזן האָבן
פאַרדעקט די זיבן ווי אַ טונקלער טוך...

די שטערן־שיין האָט זיי פאַרשנורט די ליפּן,
דער קוסט — גענייגט צום לערן קוילן־טאַש,
ווי איצט — די רויט־געשפּרענקלטע טוליפּן,
ווי בלוט־געפּלעקטע גאַזע פון באַנדאַזש.

מיר דאַכט, אין קילן נאַכט־ווינט יאָמערט שאָפֿען,
וואָס ציט די בלייכע פינגער אויס צום פעלד,
ווו ס'האָט — דעם בית־הקברותל צוקאָפּנס —
דער באַרג אַליין צום אַנדענק זיך געשטעלט.

# אין גרינעם טאָל...

ווער האָט אַ זשמעניע שטיבעלעך
אין גרינעם טאָל צעשאָטן,
ווי אָנגעדרייטע שפּילצייגן
אויף שלעסעלעך און דראָטן ?

איז אפשר דאָ אַ קינד אַוועק,
פֿאַרלאָזט זיי און פֿאַרגעסן ?
נו, זענען זיי פֿאַרבליבן שוין
אין באָדן איינגעזעסן.

ווער האָט אַ זשמעניע שטיבעלעך
אין גרינעם טאָל צעשאָטן
און אָנגעזאָגט זיי : ווידמעט אייך
מיט קינד און רינד געראָטן.

פֿון אַלע רויטע דעכעלעך
געקרויזטע רויכלעך שטייגן,
און איינס צום צווייטן ציען זיי
און שטרעקן זיך און בייגן.

זיי שושקען זיך, און סודות ווערט
דערציילט פֿון אינעווייניק,
ביז ס'ווערט פֿון אַלע רויכעלעך
איין רויך — באַהעפֿט און אייניק.

ווער האָט אַ זשמעניע שטיבעלעך
אין גרינעם טאָל צעשאָטן,
צו זיין אין זכות פון הויכן באַרג
און אין זיין קילן שאָטן.

דעם ריז צופוסנס זיצן זיי.
איך האַלט אים אין איין בעטן :
אוי, פאָרזיכטיק, פאַמעלעכקע,
דו קענסט זיי נאָך צעטרעטן...

חלילה, קענסט זיי צודעקן.
קיין ריר זאָלסטו נישט געבן,
און שטיין, ווי ביסט געשטאַנען זיך —
זיי לאָז בשלום לעבן.


Benn

# די נאַכט האָט אויסגעגלייכט...

די נאַכט האָט אויסגעגלייכט
די שטיבער, בערג און טאָלן,
דער גלי־וואָרעם בלויז לייכט
ביים דורכגאַנג־וועג דעם שמאָלן.

פון גראָז, פון בוים, פון פלויט
איין שוואַרצקייט איז געוואָרן,
און אַלץ וואָס גרינט, וואָס בלויט,
פאַרמישט האָט זיך, פאַרלאָרן.

בלויז אונדז די נאַכט טיילט אָפּ
אויף אונדזערע שפּאַצירן.
ווען דו נייגסט צו דיין קאָפּ —
ווי קען איך זיך פאַרלירן?

דער הימל ווי אַ שוים
באַט־אָן זיך ליב און גערן
און שיט די שטערן אויס
אויף אונדז, ווי זילבער־קערן.

און ס'פאַלן פאַר די טריט
אי גלי־ווערעם, אי שטערן.
מיר ביידע — אין דער מיט,
נישט צום פאַרפאַלן ווערן.

פון ערגעץ־ווו זיך הערט
אַ קוואַל, אין גראָז פאַרזונקען,
ווי ס׳וואָלט געזופּט די ערד,
אַ דורשטיקע געטרונקען.

ער לויפט — אַ זילבער־שנור —
אונדז ענגער צו פאַרבינדן,
מיר זאָלן אַן אַ שפּור
אין חושך נישט פאַרשווינדן.

אין בערג ביינאַכט — באַנאַנד —
קיין וועג וועט נישט פאַרפירן.
מיט דיר אַ האַנט אין האַנט —
ווי קען איך זיך פאַרלירן?

## דער גלי־וואָרעם

דו האָסט דעם גלי־וואָרעם אין האַנט גענומען
פון קילן גראָז אַרויס און פון דער נאַכט
און האָסט אים ווי אַ דימענט מיר געבראַכט
פון שוואַרצן פלוש — פאַרשיכורט פון פאַרפומען.

דו האָסט געוואָלט, אין שפּאַס, איך זאָל דעם גלימער
ווי אַ געשאַנק פאַרשפּיליען אויף מיין לאַץ,
נאָר ווי דער פאָספאָר־אַפּל ביי אַ קאַץ
אין קעלער — האָט מיך אָנגעקוקט זיין שימער.

כ'זע: אויף דיין האַנטפלאַך ליגט ער אַ פאַרשעמטער,
און פּלוצים — צאַנקען, זיך פאַרלעשן נעמט ער,
ער קען אין דיין רשות נישט לייכטן מער.

איך בעט דיך: קער אים אום צו זיינע גראָזן. —
נאָר ס'האָט אים שוין די מינדסטע שיין פאַרלאָזן,
און מיט דער באַרג־נאַכט אויסגעמישט איז ער.

## אַ שטערן איז געפֿאַלן...

אַ שטערן איז אַראָפּגעפֿאַלן. דורכגעשניטן
האָט ער דעם הימל, ווי אַ דימענט — גלאָז.
צי האָט אים, ווי אַ דעק מיט פֿרענדז, געכאַפּט דאָס גראָז ?
פֿאַרוואָס האָט ער מיין האַנט, צי דיינע, אויסגעמיטן ?

און אפֿשר האָט אים איינגעשלונגען גאָר אַ ברונעם,
צי אין דער קילער, גרינער סאַזלקע אַ פֿראַש ?
וואָלט ער צו דיר געפֿאַלן ליבערשט, ווי אַ בראָש,
ווי צו פֿאַרפֿאַלנגיין וווּ קיינער ווייסט נישט פֿונעם.

און אפֿשר איז ער דורך — אַ פֿלינקע נאָדל־פֿאָדעם
פֿון גאָלד — צום אויסהעפֿטן די געטלעכע בגדים
מיט דראָבנע שטעכעלעך — אוזאָרן איידל־דין.

און אפֿשר נישט קיין נאָדל־פֿאָדעם, נישט קיין דימענט,
נאָר גאָטס פֿאַרציקטע אונטערשריפֿט, זיין פֿייער־חתימה
איז דורך — צו חתמענען אַ וויכטיקן גזר־דין...

# יאָדלעס אויפֿן באַרג

ווי־נאָר כ׳מאַך דאָס פֿענצטער אויף
זע איך, ס׳קלעטערן אַרויף
רייען יאָדלעס, גרין געקליידט.
אפֿשר אַ מרגלים־קייט
באַרג־אַרויפֿצו ציט און שפּאַנט
אויסצוקוקן ס׳פֿרעמדע לאַנד.
נאָר זיי קוקן גאָרנישט אויס,
גייען נישט פֿון גבֿול אַרויס,
טאָג און נאַכט זיי ציִען בלויז,
ווייט, אַנטקעגן אונדזער הויז.

אפֿשר דאַרף איך זען אין זיי,
אין דער גרינער יאָדלעס־ריי,
ווי אַ מחנה וואָגלער ציט
באַרג־אַרויפֿצו, מאַט און מיד,
מיט די טאָרבעס אָנגעגורט
און די לענדן פֿעסט פֿאַרשנורט,
פּונעם לאַנגן גיין פֿאַרשטויבט,
נאָר אין זייער גיין פֿאַרגלויבט;
ס׳וואַרט אַן אוצר ערגעץ־ווייט
אויף די עולה־רגל־לייט.
ווו? זיי ווייסן נישט אַליין,
נאָר זיי מוזן גיין און גיין.

יאַדלעס גרינע, כ'דאַרף אין זיי
אפשר זען אַ קריגער־ריי,
וואָס זיי ציען אויסגעשטאַט
פון אַ קנעפל ביז הארמאַט,
פון אַ נאָגל ביז אַ שפּיז,
אָנגעגורט פון קאָפּ ביז פיס,
אָנגעלאָדן אויפן קאַרק.
דאָרט אויף יענער זייט פון באַרג
דער נצחון וואַרט אויף זיי,
אויף דער גרינער קריגער־ריי,
נאָר זיי ציען טאָג און נאַכט
און זיי פירן נישט קיין שלאַכט;
נישט קיין בלוט און נישט קיין מאָרד.
תמיד אויפן זעלבן אָרט
כ'זע זיי קלעטערן אַרויף,
ווי־נאָר כ'מאַך דאָס פענצטער אויף.

# קאַסקאַדע

באַרג אַראָפּ,
באַרג אַראָפּ,
לויפט אַ שטראָם,
רוישט אַ שטראָם,
אין דער קרום,
אין דער קווער,
נישט ער ווייסט
פון קיין צוים,
נישט ער ווייסט
פון קיין שטער.

נישט קיין שטיין
אויף אַ שטיין
פון פאַרצייט
אַנגעלייגט,
אַנגעזעצט,
קען אים זיין
אַ פאַרהאַלט.
אַלץ אין וועג —
און נישט שייך
צי מען טאָר,
צי מען מעג,

ווי אַ בליץ
וואָלקן־נאַכט
ער צערייסט,
ער צעקריצט,
ער צעשניידט,
ער צעשפּאַלט.

ס׳ווייסט פון רו
ברויז פון ים,
סערף און ראָד
רויך און פלאַם,
שווערד אין שייד,
ווינט אין וואַלד,
מענטש און פי, —
נאָר דער שטראָם, —
וואַסער־פאַל
נישט ער ווייסט
פון קיין שפּעט,
פון קיין פרי,
יום־טוב, וואָך,
גרינג און שווער.

טאָג און נאַכט.
נאַכט און טאָג
זינט פאַרצייט
פון דער הויך.

ווי פאַרשייט
גבורה, מאַכט,
אימפּעט, קראַפט
נאָר אים טרייבט,
נאָר אים יאָגט.
אפשר נאָך
צאָרנט, גרימט,
זידט און קאָכט
אַלץ אין אים
האַס און האַסט
פון דער צייט
וואָס איז דורך
אינעם קאַנט,
אין די בערג,
אינעם לאַנד,
מיט געשאַל,
מיט געוועק
דורך מעטאַל
פון טרומייט,
און זיין רום
ווייט אַרום
נאָך ביז היינט
ער פאַרשפּריים.

און דער שטראָם,
נאָר ער מאָלט,
נאָר ער מאָלט

זילבער־שטויב,
און קרישטאַל,
שיט און שיט
און צעשפּליט,
פּלייצט און ברויזט,
שליידערט, שפּריצט,
וואַרפט און שטויסט,
דרענגט און שפּאַרט,
טורעמט־אויף
אָנגעהויפט
שוים אויף שוים. —
דאַכט זיך מיר,
כ'זע אַ טרוים:
ווייסער טויל,
שפּיצן־זייד,
זיידן־זוים,
פֿאַלד נאָך פֿאַלד,
כוואַליעט, גיסט,
פֿאַלט און פֿאַלט —
ס'טראָגט די ערד
ס'כלה־קלייד,
און ווי דול
כ'גיי מיט איר
אינעם טאַנץ,
און מיט אונדז —
אַלץ אין פֿרייד
דרייט זיך, דרייט,
ליכט אין אויג,

ווײַן אין כוס,
לוסטרע־שײַן,
זשיראַנדאָל,
פּאַראַמאַל
אין פּאַרדרײ. — — — —

און דער שטראָם
נאָר ער מאָלט
זילבער־שטויב,
שוים־קרישטאָל,
נאָר ער מאָלט,
נאָר ער מאָלט.
כ׳שטרעק אים אויס
ליפּ און באַק,
כ׳שעפּטשע שטיל :
טו אַ גאָס,
טו אַ פּלײַץ ! —
אַך, ווי גוט,
ווי געשמאַק !
כ׳שטיי אין מיט
ווי אַ בוים
אין אַפּריל,
אָפּגעשיט
פול מיט צווײַט.
אומרו־גאַנג,
שטראָם־גערויש
און געזאַנג

נישט געשטילט,
כ׳נעם דיך מיט
אינעם בלוט,
זיד און רויש
רויש און זיד
אין מיין הארץ,
אין מיין ליד.

1955


Benn

# דער חוט פֿון דער נאַכט



צי האָסטו שוין, מיין פריינט, פאַרגעסן
די פינצטערע מלחמה־נעכט,
ווען ס'איז די ליכטער־שטאָט געזעסן
אין חשכות, ווי אין שפּין־געפלעכט ?

פאַרלוירן האָבן זיך די ראָגן,
נאָר מיר — געפונען אונדזער וועג,
די פענצטער טרויער־טיכער טראָגן,
ווי אונדזער שטאָם פאַרצייטנס פלעגט —

ווען ס'האָט אַ צער פאַרקלעמט דאָס לעבן —
אויף לענדן טראָגן זעק מיט אַש...
פּאַפּיר — געקרייצטע פּאַסן קלעבן
אויף יעדער שויב, ווי אַ באַנדאַזש.

פאַרוווּנדעט איז די שטאָט, אָן לשון,
מ'האָט פּלאַסטערס איר צום גוף געלייגט,
צום שווערן שלאָף דאָס ליכט פאַרלאָשן,
ווי בעת די היץ ביים חולה שטייגט.

ס'פּאַפּיר פון שויב, ווי וואָרנונג־צייכנס,
געקרייצט — מיר דאַכט, ווי ס'וואָלט געזאָגט :
מיר קלעבן — אַלץ דאָ צו פאַרשטרייכן, —
נאָר הינטער שויב דאָס לעבן שלאָגט.

ווען יעדע שיין האָט אויסגערונען,
פאַרפאַקט אין טראַנטעס אַלץ וואָס לייכט,
כ׳געדענק, דו האָסט אַ טרייסט געפונען:
די שטערן האָט מען נישט דערגרייכט;

ס׳האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטעלן
מיט שמאַטעס דער לבנהס ליכט,
און אויך דעם וואָלקן נישט באַפעלן
ער זאָל פאַרדעקן איר געזיכט.

דאָך האָט דער גרויל זיי נישט פאַרמיטן,
ער האָט דעם הימל נישט געוווייכט,
זיין לייב מיט מעסערשמידטס געשניטן,
וואָס האָט מיט רויכן זיך פאַרקייכט.

מען גייט די שטערן אויך צעשטערן,
מיט בלוט פאַרלעשן זייער שיין.
מיר גראָבן איין די קעפּ און הערן:
דער הימל איבער אונדז פאַלט איין.

געיאָמער פון אַלאַרם, ווער קאָן אים
פאַרגעסן? איצט נאָך הער איך אים.
די גאַז־מאַסקע אויף אונדזער פנים
פאַרשטעלט דעם צלם אלהים.

קוקסט־אָן זיך שטוינענדיק מיט אימה —
אין דזשונגלען זעסטו זיך אויפסניי,
און ווידער קלעטערסטו אויף ביימער —
אַ פּרעהיסטאָרישער בעל־חי.

ווי שאָטנס איילן מיר פון טויער —
דורך ווילדוואַלד פּינצטערן געדיכט,
מיט טאַשן־לעמפּלעך טונקל־בלויע,
ווי גלי־ווערעם — דאָס איינע ליכט.

בלויז זיי — מיט בלוי פּאַפּיר פּאַרצויגן —
אין נאַכט פֿאַרשטאָכן זען דאָ קענסט,
אין חושך בלינצלען זיי ווי אויגן
פון אַ געהיימנישפול געשפּענסט.

פון מעטראָ־עפּענונג אַלץ טיפער
אַראָפּ. מיר היפּערן די טרעפּ.
וואָס פאַר אַ זעלטענע אסיפה
פון שטיקער חשכות — שויבער־קעפּ,

פון שלאָפּרעק, שטעקשיך און פּיזשאַמעס,
פון העמדער — צניעותדיקער זוים,
פון קינדער אויף די הענט פון מאַמעס,
פון שלאָף אַרויסגעכאַפּט, פון טרוים.

איך גלויב, דערמאָנסט זיך נאָך מסתמא
ווי אין בהלה־שטראָם געדיכט
דערזען מ׳האָט אויף אַ באַנק אַ מאַמע,
די גאַז־מאַסקע אויף איר געזיכט.

דאָס קינד האָט זיך פון איר געצויגן,
ס׳האָט נישט דערקענט די מוטער מער,
געוויינט אין שרעק, און מער נישט זויגן
געוואָלט פון אָט דעם מאָדנעם בער...

∴

דערנאָך... דאָס יוני־גרינס אין טרויער —
עס גרינט דער אוניפאָרם פון פּריים.
ס׳גייט־דורך עס־עס אין טריאומף־טויער,
ווי דורך אַ לאָך אַ שורה מייז.

דער פּלאַץ פון עטואַל דער ברייטער,
וואָס אָוועניס צעשליידערט ווייט
און זיי פון זיך אַוועק פאַרשפּרייט ער,
ווי שטראַלן וואָלט ער אויסגעשפּרייט,

איז איצט אין האַנט פון דעם מאַרשירער
אַ רינג, אַ שליסלען־בינט, און כ׳זע
ווי ער פאַרמאַכט מיט זיי די טירן
פון שערש־מידי און לאַ סאַנטע.*

ס׳פאַרהאַקט די לאָדנס אונדזער געסל,
נישט שטעכן זאָל דער קלאַנג — אַ שפּיז —
נאָר שטיל, דורך מאַרשן פון האַרסט־וועסל
נאָך שלאָגט דער דופק פון פּאַריז. —

כאָטש ווי אַ שפּין — פון אוניפאָרעם
דער האַקנקרייץ זויגט איין זיך טיף
אין קויל פון צפון, און פון דרום
נאָגט־אויס די טרויב און די אָליוו;

פאַרכאַפּט דאָס גאָלד פון אַפּעלסינען
און זשלאָקעט אויס פון פאָס דעם וויין,
די קראַפט פון בלוט און פון מאַשינען
און רייסט פון לאָמפּ אַרויס די שיין.

---

* תפיסות אין פאריז

די רינד פון שטאָלן נישט פאַרמיידט ער
און פון דער אַזיערע דעם קאַרפּ,
צאַפּט־אויס די מילך פון פּעטן אייטער
און פון דער מילך — דעם טעם, די פאַרב.

נאָך איבלט פונעם אוניפאַרעם
וואָס פלעגט זיך לייגן אומעטום —
אַ טונקלער פלעק — און ווי אַ וואָרעם,
וואָס פּויזעט אויף אַ פּרוכט אַרום

און וויל צום האַרץ דערגיין, צום קערן —
ער שלייכט אויף אונדזער שטאָט אַרום,
אויף פּלעצער, דענקמעלער און סקווערן,
וו ס'איז אין שטיין פאַרקריצט איר רום,

שטעלט־אָן די פּאָטאָ־אַפּאַראַטן
אויף זיי, ווי ער וואָלט נאָך אַ מאָל
געצילט די קוילן־אויטאָמאַטן
צום לאַנד, צום ברויט, צום וויין, צום שטאָל.

פון אַלטע ווענט די אָרנאַמענטיק
פאַרכאַפּט מיט גיר דער אָביעקטיוו,
בכדי מיט צושריפט אייגנהענטיק
זיי אָפּשיקן אין ראָזע בריוו —

געשאַנקען גערטרודען צי עליזען,
אַ גרוס פון זיג פון בראַוטיגאַם:
פון ווענסען־וואַלד די זאַפּ־פעלזן,
די טורעמס פון דער נאָטרע־דאַם.

ער שטײ׳ט אין גאווה ווי אויף ערע,
די שטאָט פאַרצויגן אין זיין פּאַס,
נאָר פון פאַסאַדע די כימערע,
וואָס שרעקט זי אים מיט איר גרימאַס?

און צו די נישעס פון די שטאָקן
פליט גיך אַ טויבן־טשאַטע אָפּ,
ווי זי וואָלט פלוצלונג זיך דערשראָקן
פאַר זיין פאַרקרימטן אָדלער־קאָפּ.

און ס׳דאַכט, דורך שטאַנגען ווי דורך ציינער,
גייט־דורך אַ שווערער גלאָקן־ברום
און קאַזימאָדאָ שליידערט שטיינער,
מיט זיי — באַשיצן זייער רום.

נישט ווייט, פאַרגלאָזיקט, בליצט פון שנאה
די סען, דורך מויערן פאַררינגט.
ווי ס׳מעסער פון דער גילאָטינע —
די זון פאַרנאַכט אין איר פאַרזינקט.

* * *

געדענקסט פון ערבות־לייט די קברים,
ווי ווונדן אויפגעהאַרבטע אין גוף?
זיי האַלטן צו דעם אוניפאָרעם
וואָס שלייכט זיך ביי דער סען, ביים לוווּר.



זיי זענען אים אַ צוים געוואָרן
און אים — אין זייער קרייז פֿאַרשטיקט,
דער קרייַץ אויף זיי איז אים אַ דאָרן
וואָס שטעכט אים אויס די שיין פֿון בליק.

פֿון טייך די נעפּלען שוער־געדיכטע
אַנטהילן טורעמלעך ביים ברעג,
ווו ס׳רוט די טויב און די געשיכטע,
וואָס אויף זיין שאָטן וואַרפֿט אַ שרעק.

פֿון די געהיימנישפֿולע שפּאַלטן,
אים דאַכט, ווי עמעץ העמט זיין גאַנג,
דער סיטע־אינדזל וואָלט געהאַלטן
אים אַ פֿאַרקלעמטן ווי אַ צוואַנג.

דער זייל פֿון אייפֿל־טורעם אויבן,
וואָס ער האָט שטענדיק אים געזען
ווי אַ זשיראַפֿע, שטאַלט׳ פֿאַרהויבן,
פֿון פּאַרק אַנטלאָפֿן צו דער סען —

איצט, אַ הערקולעס איבער בריקן,
מיט אוראַלט־גבורה פֿון אַמאָל;
אָט וועט ער, דאַכט זיך׳ אים דערשטיקן —
געפֿאַנגען אין זיין נעץ פֿון שטאָל.

ס׳פֿאַרדרייט דער שאָטן זיך אומיסטן
צום שטיין־באַריער וואָס צוימט דעם פֿליעסק.
די שטעלעס פֿון די בוקיניסטן,
ווי טויבן־שלאַקן, פּיטאַרעסק.

אין זיי, ווי טויבן־פליגל פאַכן
די אַלטע בלעטער פון וויאַן,
ס׳גלעלייטשטע גאָלד איז אַפּגעקראַכן.
דאָך האַלט דער גלאַנץ פון דורות אָן.

ווי אורנעס טראָגן זיי געבאָטן,
ווי וויגן — יעדן דור, און דאָך —
אים, דעם געהאַקנקרייצטן שאָטן —
וואָס קוקן זיי ווי טרומנעס נאָך?

און לעבן ברעג ער שלייכט זיך ווייטער:
ביים טייך אַ בערדיקער קלאָשאַר,*
אַ טיכל אויף די קני פאַרשפּרייט ער...
ער עסט... וואָס עסט ער דאָרט, דער נאַר?...

מיט גאָפּל־מעסער פידלט, שניידט ער, —
וואָס האָט ער דען צו שניידן דאָרט?
צי רייסט נישט אָפּ זיך אַלץ פאַרשייטער
דאָס מעסער פון זיין ווילדער באָרד?...

אַ מאַן ביים ברעג, ביים פישפאַנג אונטן,
שטייט ווי אַ ווערבע־בוים גענייגט,
די ווענטקע־שנור אין טיפע גרונטן
הענגט־נאָך פון אים — אַ דינע צווייג.

דער בליק, ווי דורכן טייך געפאַנגען,
פאַרגליווערט שטייט ער שעהן אַלץ.
אָט רייסט די שנור זיך, ווי דערלאַנגען
וואָלט זי געוואָלט אַרויף צום האַלדז...

---

* וואַגאַבונד, שלעפּער.

אַ שלעפּשיף שווימט אַלץ נענטער, בולט,
און גליטשט זיך דורך דער בריק פאַרביי.
זי ברומט און קוויטשעט ווי געקוילעט,
צום פּרצוף יאָגט זי ווינט, געשריי.

אויף איר — אַ פרוי פאַרטאָן ביים קאָכן,
ס'הענגט וועש צום טריקענען אויף שטריק,
און קינדער-העמדלעך בלאָזן, פאָכן,
ווי פאָנען פרידלעכע פון גליק...

די שטאָט נישט איינמאָל דורכגעשניטן
פון יענעם עק אַזוי ביז דעם
צופום — די מעטראָ אויסגעמיטן,
וואָס האָט געלויערט ווי אַ קלעם.

דער מעטראָ-קעלער אין געווימל
איז אָנגעשטעלט אויף מיר — אַ שטייג.
איך ווייך אים, און איך בענטש דעם הימל
וואָס הילט מיך איין ווען כ'גיי און שווייג.

זיין בלוי איז מילד ווי אַ געזעגנונג,
כאָטש אויפן האַרץ די לאַטע געלט.
אָ, וואָסער סתירה ס'איז געוועזן
צום בלוי דאָס געל, וואָס איך פאַרשעלט.

די געלע לאַטע האָט, זעקס-ציינדיק,
זיך איינגעזויגט, אין לייב פאַרציינט,
דער שטאָף איז איר געוועזן צו ווייניק,
און נישט דאָס קלייד האָט זי געמיינט...

ס'איז נאָך איר סימן נישט פֿאַרריבן,
קען זיין, ס'האָט נאָך זיך אויפֿגעהיט
אַ מלבוש דיינס, וווּ ס'איז פֿאַרבליבן
אַ שטאָך פֿון איר — אין דיין געמיט.

נאָך פֿויזעט ווי אַ שלאַנג — איר פֿאָדעם,
ס'הענגט־נאָך אַ צווּט פֿון יענער צייט,
וואָס האָט די הערצער און בגדים
מיט געלער חרפּה אונדז פֿאַרנייט.

און נאָך אַ פֿאַרב וועל איך דיר ברענגען:
ס'איז שוואַרץ. די ראָס פֿון טויט־אָפּיש,
וואָס פֿלעגט אויף יעדער מויער הענגען
און פּרוּוון איינרעמען דיין טיש,

אַרומנעמען דיין שטוּב אין טרויער,
פֿאַרצוימען ווי מיט דראָט — דעם גייסט.
נאָר אָפּטמאָל האָט דעם טויט פֿון מויער
פֿאַרדעקט אַ הייליקע טרייסט. —

כ'פֿלעג אָפֿט אין דיין פֿאַרהאַקטער נאָרע
זי ברענגען דיר פֿון העקטאָגראַף,
ס'איז דאַן אַ פֿייערפֿונק אַ קלאָרער
געווען דאָס מינדסטע אות פֿון כתב.

— אַ יידיש אות וואָס איז באַטייליקט —
האָסטו געשיינט — אין אָט דער שלאַכט,
באַקומט אַ זין, איז טאָפּלט הייליק —
און דיינס אַ טרער האָט פֿייכט געמאַכט

דעם אויפֿרוף, זיך געלייגט — אַ זיגל;
זי האָט געשטיקט אויך אין מיין האַלדז,
און ערגעץ אונטער שלאָס און ריגל
באַלויכטן העל דעם דרוק, דעם וואַלץ.

מיין יידיש אלף־בית, וואָס פֿייער
נישט איינמאָל האָט פֿאַרזונקט, פֿאַרצערט.
ווי ער איז מיר געוואָרן טייער
זינט ער האָט זיך מיט מיר געווערט...

אַ בלאַט נאָך בלאַט, ביי טונקלע שטאָרן,
צעשליידערט די מאַשין אין גאַנג,
ווי שטיינער — שטיקער פֿלאַם אין צאָרן,
נאָר הערן טאָר מען נישט איר קלאַנג...

מיט שמאָלע פֿינגער אויף קלאַווישן
אַ מיידל שוועבט אַרום פֿאַרטראַכט,
אַז ווי אין ווייכקייט פֿון אַ קישן
אַריין זאָל דער גערויש־פֿאַרדאַכט.

דאָרט פֿלעגט זי ווי אַ חלום זיצן
לעם אַלטן, היימישן קאַמין
און מיט דער פּיאַנאָ טריי באַשיצן
די שליחות פֿון דער דרוק־מאַשין.

דו וואָלסט געמיינט, דאָרט זיצט זי שטענדיק
פֿאַרבענקט אַזוי, באַטריבט, און גאָר!
און ס'פּלאַטערן די הענטלעך בלענדיק
אויף דעם קלאַוויר — אַ טויבן־פּאָר.

נאָר אָפטמאָל האָט זי ס'ליד פאַרהאַלטן,
שפּאַצירט גרוים־דאַמיש, אין וואַל.
וואָלט ווער געגלויבט, ער קען באַהאַלטן
די סודות פון אַן אַרסענאַל ?

אַריבער פעסטונגען פון שונאים,
באַליינט מיט קרייצן ווי מיט קרעץ,
פאַרוואַרפן פלעגט זי פונעם פּנים
איר שלייער־טיכל ווי אַ נעץ...

די קלאַנגען פון קלאַוויר, די נאָטן,
צעלויפן זיך אָט ראַש, אָט שטיל,
ווי רענדלעך וואָלטן זיך צעשאָטן
און גיך צעקאָלערט אויפן דיל.

אָט מילדע קומען זיי צו פליען
ווי זאַנפטע ווינטעלעך אין גראָז,
און ס'פלעגט פאַר אונדז שאָפן זיך מיען,
און ס'פלעגט אונדז היטן בערליאָז,

און העלפן אויך אין אונדזער גבורה
פלעגט מאָצאַרט, בעטהאָווען און באַך,
ביים זעצן די אַלאַרעם־שורה:
„צו אַלע היינט ביינאַכט! זייט וואַך!"

⁂

אין יענער נאַכט האָסטו, מיין שכן,
פון זעלביקן מאַנסאַרדע־דאַך,
פאַרשליידערט ס'מאָלברעט דיינס, צעבראָכן,
ווי אַן אומנויטיק־מינדסטע זאַך.

האָסט לאַנג באַטראַכט, אין האַנט געוויגן
די פענדזלען, די פּאַליטרע פאַרב.
ווי שטיקער בלוט פון דיינע אויגן
דאָס רויטס געווײנט האָט ביטער, האַרב.

באַדויערסט יעדע פאַרב, ווי בלומען
פון אַ פאַרוויאַנעטן בוקעט,
וואָס ער אין שטויב האָט מיטגענומען
פיל זיסע שעהן, טרוים, געבעט.

אין ווינקעלעך, ווו דו פלעגסט זיצן,
געוואָרפן האָסט אַ לעצטן בליק,
געפאָכעט מיט דיין העפט פון סקיצן,
ווי צו אַ ווייט־פאַרגאַנגען גליק.

האָסט שוין געזען פאַרלאָזט, פאַרגעסן
די קעפ פאַרדעקטע מיט געוואַנט,
ווי פיבער־קראַנקע מיט קאָמפּרעסן,
וואָס וואַרטן אויף דעם היילערס האַנט,

אויף דער רפואה און גענעזונג,
וואָס פאַלט צום שטערן קיל און גוט,
און ווי זיי וואָלטן נישט געוועזן
פון ליים, נאָר פון דיין פלייש און בלוט, —

האָסטו מיט יעדן זיך געזעגנט,
ביים נאָמען אָנגערופן שטיל.
ווי אַלטע פריינט, און אַ באַוועגונג
צום סוף געמאַכט: „זאָל זיין וואָס ס'וויל.“

איך האָב אין קרייז פון די געשפּענסטער
געזאָגט דיר: „ניין, ס׳וועט זיין אַזוי
ווי מירן וועלן“ — און דאָס פענצטער
צעפֿראַלט צום טונקלען אָוונט־בלוי.

דער וועג צום דאַך געווען איז אָפן,
כ׳האָב אים געהאַט פֿאַרטראַכט פון לאַנג,
דער מילכוועג איז דעם בליק פֿאַרלאָפן
און זיך געשפּרייט פאַר אונדזער גאַנג.

ס׳פֿאַרלאָזטע צימער דיינס דאָס שיפֿע
האָט זיך גענייגט אַראָפּ, פֿאַרשאַרפט,
ווי ס׳ביינגט אַ שיף זיך אָן אַלץ טיפֿער,
ווען ס׳שליידערט זי דער ווינט און וואַרפט.

צום שמאָלן ברעט, צום פּאָס פון רעטונג
ס׳האָט אונדז די שטוב אַרויסבאַגלייט
מיט דיינע שטיללעבנס צעטרעטן,
צעוואַלגערט, נאַכלעסיק, פֿאַרדרייט.

צי וועט מיך היינט די נאַכט פֿאַרפֿירן,
צי וועל איך זיין פון איר פֿאַרהיט?
איך הער ווי דייטשלאַנד זעצט אין טירן
און שפּירט און שנאָפּט אונדז נאָך די טריט.

צוויי נאַכטוואַנדלער ביים ראַנד פון תהומען,
וואָס ס׳איז זיי מציל בלויז דער ראַנד.
אָן אַלטע בלעך, אַ גזימס, אַ קוימען
שטרעקט־אויס זיך ווי אַ רעטונגס־האַנט...

עס שפּרייטן הויך זיך די מזלות
און אונטן אומגליקלעך — פּאַריז,
פאַרשעמט, פאַרזונקען אין מפּלות,
פאַרלאָשן, ווי אַ טויטער ריז.

דאָך שטייגט אַ טורעם אויף אַ טורעם
און דאָך מיט דאָך פאַר הויכקייט שטרייט.
כאָטש ס'איז די נאַכט דער שטאָטס אַ פורעם,
זי ליגט אין אים ווי אין אַ שייד.

מיר בעטן צו דעם שטערן־וואָגן:
אין דישעל דיינעם שפּאַן אונדז איין,
אָ, לייז אונדז אויס פון ערדיש פּלאָגן
און פיר אין אין־סוף אונדז אַריין.

דערלויב אונדז, גילדענע קאַרעטע,
זיך האַלטן ביי דיין מינדסטער שיין,
צי גאָר ווי מידע גייערס שפּעטע,
אָ, לאָז אונדז אין דיין בויד אַריין.

פון ערד און אירע ליידנס־תּהומען
אַלץ ווייטער פלי מיט אונדז אַרויף.
און ווי אַ וואָלקנדל צעשווומען
אין וועלטאַל ערגעץ לייז אונדז אויף.

1955



# דורך מיין פענצטער

די וואַנט פון הויף, וואָס קוקט אַריין צו מיר,
מיין פענצטער יחוסט זיך און שפּיגלט זיך אין איר.

ווי נאָר עס וויקלט פון דער נאַכט זיך אויס דער טאָג,
זי קלינגט מיט מי פון קעלער ביז צום לעצטן שטאָק.

עס שווינדלען קעפּ אין יעדן פענצטער ביז אַרויף.
ווי גרייכנדיק נאָך גליק — אָן אָרעם הויבט זיך אויף.

אין קעלער איז אַ בעקעריי. אָט ווערט אַריינגעשיבט
אַ קוכן, וואָס דער בעקער גלעט אים, ווי פאַרליבט.

אַ זייגערמאַכער אין פּאַרטער, פאַרגראָבן טיף,
אין אויג פאַרקוועטשט אַ שוואַרצע בעלמע — דער שפּאַקטיוו.

אין ערשטן שטאָק איז, קענטיק, עפּעס אַ קאַנטאָר.
אַ מיידל ביי אַ שרייב־מאַשין פאַרריכט די האָר.

און אויפן צווייטן, זע איך, הינטערן גאַרדין
אַ פּרוי טוט־אָן אַ מלבוש אויף אַ מאַנעקין,

פאַרקנעפּלט זי מיט חן און צאַרטקייט, ווי אַ קינד
בשעת מען שיקט עס אויף דער גאַס — אין קעלט און ווינט.

אין דריטן שטאָק אַ שטריק־מאַשין גייט הין־און־צריק.
קענסט מיינען, אָן אַ זין און נמאס פאַרן בליק.

די שפּולקעס דרייען זיך, ווי קינדער אין אַ קרייז.
די שעהן בינדט צונויף דער פאָדעם מיט זיין פליים.

ווי קראַפּט אין בלוט־געפעסן, שטראָמט דורך יעדן שטאָק —
דורך דיל און דורך סופיט — דער מיענדיקער טאָג.

ס'וויברירט די וואַנט מיט אויסגעמישטן אַרבעטס־קלאַנג
און זינגט אַריין אין פענצטער און אין האַרצן איר געזאַנג.

## שטייסט־אויף אין יעדן אינדערפרי...

שטייסט־אויף אין יעדן אינדערפרי,
דאָס לעבן וועקט דיך ווי אַ גלאָק,
דו גיסט די אָרעמס ברייט אַ צי —
נעמסט פריינטלעך אויף אַ נייעם טאָג.

דאָס אַלץ איז דיר שוין גוט באַקאַנט
פון טעג, וואָס זענען לאַנג פאַרביי:
דאָס ציין־בערשטל, דער זייף אין האַנט —
אַלץ חזרט איבער זיך אויפסניי.

דער שטעקשוך איז דיר גנעדיק־ווייך.
צום פענצטער שליידערסטו דעם קאָפּ.
פון טעפּיך, זעסטו, אין דער הייך
אַ פרוי דעם נעכטן שאָקלט אָפּ.

דערנאָך באַגיסט זי דעם וואַזאָן,
געַנוי ווי יעדן אינדערפרי.
דו טוסט די זעלבע קליידער אָן
און איילסט זיך צו דער זעלבער מי.

ווי נעכטן, דריקסטו דעם פּעדאַל
אין זעלביקן מאַשין־גערויש,
דו זעסט אין שויב דעם זעלבן שטראַל. —
אַלץ אַלט, ווי דער מעת־לעתן־טויש.

נאָר אין דעם אַלטאָג זעסטו קוים
ווי אַנדערש יעדע שעה זיך בייט —
ס'איז יעדער טאָג אַ טרעפּ צום טרוים,
צום חלום פון דער שענסטער צייט.

# ווו נאָר די זון ערגעץ שײַנט...

ווי גוט איז מיר אָפּטמאָל צו וויסן,
אַז ווו נאָר די זון ערגעץ שײַנט
איז עמעץ פֿאַראַן מיך צו גריסן
און וועמען כ׳זאָל אָנרופֿן: פֿרײַנט.

ס׳האָט וועגן די ערד — נישט צום ציילן
און ס׳אויג מער דערגרייכט נישט דעם רוים,
נאָר אומעטום האָב איך צו טיילן
מיט וועמען דאָס ברויט און דעם טרוים.

ווו ס׳וועקן פֿון אוראַלט זיך טײַגעס,
ווו ס׳בלוטיקט און בלאַטיקט די רײַז,
ווו ס׳קנייטשט זיך דער שטערן אין דאגות
און ס׳בויגט זיך דער אָרעם אין פֿלײַס.

ביים האַדסאָן, די סען, צי די עלבע,
אין זאַמד־גלי און אייביקן שניי,
כ׳טרעף מענטשן מיט הערצער די זעלבע
און טרוימען די זעלבע אין זיי.

וווהין כ׳זאָל נישט קומען פֿון וואַגל,
אַ טיר וועט זײַן אָפֿן און ברייט,
און אָפֿן — אַ האַרץ, ווי אַ לאַגל,
אַ פֿולער מיט שוימיקער פֿרייד.

# אין אָוונט

עס דרימלט איין און בייגט זיך פון קאַמין דער טוליפּאַן.
דו אויך, מיין ליבע, — אויפן אַלטן, גרינלעכן דיוואַן.

ס'איז אויסגעריבן שוין אויף אים דער פּליוש און אָפּגעבליאַקט,
ווי הינטערשטאָטיש גראָז, צעטראָטן ערגעץ ביי אַ טראַקט.

ביסט איינגעשלאָפן מיד אויף אים, ווי אויף אַ שטיקל פּליין.
ס'הענגט שטיל אַראָפּ דיין פרויען־האַנט — אַ פּאַלנדיקע שיין,

צי גאָר אַ קוואַל, וואָס לויפנדיק אַראָפּ, די קעל דערפרישט.
אַרויסגעפאַלן איז דיין בוך פון האַנט און זיך פאַרמישט.

נישט סקריפּע, פּען, נישט שאָרך, פּאַפּיר. דעם אָטעם האַלט איך איין.
און אין דער שטילקייט נעם איך דיך אַצינד אין אים אַריין.

מיין אָוונט־שאָטן בייג איך אָן צו דיר. ווי מיט אַ טוך
פאַרדעק איך דיך מיט אים, דיין האַנט, ס'פאַרמישטע בוך...

# סוף־זומערדיקע טעג...

סוף־זומערדיקע טעג,
איך האָב אייך אָפּט באַגלייט
אי פֿייערלעך, אי באַנג,
אין טרויער און אין פֿרייד.

דאָס פֿעלד פֿאַרלאָזט און פּוסט,
נאָר זיי נישט, האַרץ, אַזוי, —
פֿון שפּייכלער־שפּאַלט זיך שפּאַרט
ווי שטראַלן, יעדע שטרוי.

אָן פֿרוכטן שטייט דער בוים,
נאָר ס׳רוישט אויף ציין זיין זאַפֿט,
ס׳וועדט פֿול מיט אים דער קאַרב,
ווי אָברים מיט קראַפֿט.

באַגין דעם סאָד, שטאָט אויבסט,
פֿאַרדעקט אַ ווייסער טוי,
נאָר ס׳שפּיגלט זיך זיין שם
אין בלאַנקן גלאָז פֿון סלאַי.

דורך פֿערלדיקן סאָק
אויף אַלטע שאָפֿעס, שטיל
דער זומער קוקט פֿון גלאָז,
ווי דורך אַ שאַרפֿער בריל.

דער וואַנדער־פויגל נעמט
שוין פּאַקן דעם באַגאַזש,
אין לערן פליען די קראָ
פּאַטש־דורך מיט טריאומף־רעש,

באַזעצט זיך אויפן בוים
דעם ליידיקן און שרייט —
זי מיינט, ער איז איר טראָן
און ס'איז צום פרילינג ווייט.

מיט ווייסע פעדעם ווערט
פאַרוויקלט ס'פעלד, פאַרדרייט.
ס'איז יעדער דרים אַ צוויט
פון זומער, וואָס פאַרגייט.

די באָבעשי — די צייט —
זי האַלט דעם קנויל און שפּינט
אַ וואַרעם וואָל־געוואַנט
פאַר נאָענטער קעלט אוןווינט.

אין פעדעם־קנויל אַריין
כ'פאַרפּלאָנטער זיך געשווינד —
צום פרילינג אויפדאָסניי
פאַרקניפּ מיך און פאַרבינד.

## אַ קינד האָט געגעבן אַ פֿייף...

דאָס נעגער־יינגל עמעט טיל איז אומגעבראַכט
געוואָרן דורך אַמעריקאַנער ראַסיסטן פֿאַר געבן
אַ פֿייף צו אַ ווייסער פֿרוי.
(פֿון דער פּרעסע־כראָניק)

אַ קינד האָט געגעבן אַ פֿייף.
אַזוי ווי אין זעגלען פֿון שיפֿער
אַ ווינט אַ צעלאָזטער, אַ שטיפֿער;
אַזוי ווי אין וואַלד ערגעץ טיף
אַ פֿויגל — פֿאַר פֿרייד און התפּעלות;
אַזוי ווי אַ לאָקאָמאָטיוו
פֿאַרבענקט אין דער נאַכט נאָך וואָקזאַלן,
אַ רו־אָרט אַ לאַנג שוין געגאַרטס, —
נאָר מיר האָט צעשניטן דאָס האַרץ
דער אָטעם פֿון יינגלשע ליפּן —
אַ קינד האָט געגעבן אַ פֿייף
אין שטאַט מיסיסיפּי.

אַ קינד האָט געגעבן אַ פֿייף —
ווי ס'דאָרפֿישע יינגל ביי אַנסקין,
יום־כּפּור אין שול — שטאָט אַ תּפֿילה,
וואָס גאָט האָט באַוויליקט זי אויבן;
צי גאָר ווי צום דאַך דעם קאַבצאַנסקן,
מיין זיידנס, איך גופֿא אַמאָל
פֿלעג פֿייפֿן און רופֿן די טויבן,

וואָס פֿלעגן אין פֿלאַטערן שטילע
גענענען — פֿאַרליבטע איינאַנדער,
צוזאַמען די „זיען“ און „ערן“ —
פֿון האַנט מיר צו פּיקן די קערן.

פֿאַרקייקלט האָט זיך ווי אַ רייף
די קינדהייט, פֿאַרפֿלויגן אין וואַנדער
די טויבן, די „ערן“ און „זיען“.
און איצטער, גיי, ווייס, אַז אַ פֿייף
פֿון יינגלש־קונדסישע ליפּן
וועקט מער נישט קיין ליבע, נאָר האַסן,
און ביי דער ווייס־הויטיקער דאַמע,
דער האַרינטע פֿון מיסיסיפּי,
אַראָפּרייסן קען ער מסתמא
איר צניעות, איר שטאָלץ און איר ערע,
און ס'נעמען פֿאַראַכטונגס־גרימאַסן
דאָס איידל געזיכט אירס פֿאַרציען,
זיי קלויבן זיך אָן אַלץ געדיכטער,
אַזוי ווי אַ וואָלקן אַ שווערער
און ביי די ווייס־הויטיקע ריטער
ברעכט־אויס מיט אַ שטורעם, געוויטער
און האָגל פֿון רימענס און פּאַסן —
דאָס לייב דאָס שוואַרץ־הויטיקס פֿאַרוויקלען
ווי שלענג, און צעבראָקן, צעשטיקלען,
ביז ס'וועט נישט אַ שפּריין טאָן דאָס בלוט
פֿאַר זיי ווי אַ קילער פֿאָנטאַן
צום ווײַלן און לוסטיקע שפּאַסן.
און אָט האָט געשטילט זיך די רוט,
די בלוטיק־באַטרונקענע בייטשן,

די רימענס, די פּאַסן, די קניפּן,
און איינגעשטילט אויך האָט מיט זיי שוין
דאָס יינגל פון שטאַט מיסיסיפּי, —
נישט הערן קיין פּייף וועט מען מער
פון זיינע פאַרשלאָסענע ליפּן.
נאָר כ׳גלויב נישט, איך הער אים, איך הער,
ער ציטערט נאָך אַלץ נישט־געשטילט,
ער טראָגט זיך אַדורך ווי אַ וויכער —
און דיך, מיין פאַרשפּיגענע ערד,
צעטרייסלט ער מיט זיין געהילך
אַזוי ווי די ווענט פון יריחו.

1956

## אויפן פריפעטשיק — נישטאָ קיין פייערל...

אויפן פריפעטשיק — נישטאָ קיין פייערל,
און אין שטוב — איז נישט היים, —
לערנט־זשע, קינדערלעך, לערנט־זשע, טייערע,
און דערקענט דאָס בייז.

נישטאָ דאָס רבילע, נישטאָ דאָס טייטעלע, —
ווער וועט לערנען, ווער? —
אַנשטאָט דעם טייטעלע אין אַזאַ צייטעלע,
וועט ווייזן אייך דאָס געווער.

די שווערד וועט ווייזן אייך וואָס דערונטער שטייט,
וואָס דערונטער מאַכט,
ווי דער טייטל — אייך, די סאַמע אונטערשטע,
פירן וועט זי אין שלאַכט.

איבער אייער דאַך די צונגען גלוטיקע
האָבן זי געגליט,
ס'האָבן טאַטע־מאַמעס טרערן בלוטיקע
זי געשלייפט און געשמידט.

זאָגט־זשע, קינדערלעך, וואָס דערונטער שטייט:
קמץ אלף — אָ!
אָ! — איז אויסגעשריי צו שונאים הינטישע, —
אָ — מיר זענען דאָ!

זאָגט=זשע, קינדערלעך, און טאַקע נאָכאַמאָל :
פּתח שין — שאַ;
שאַ — מאַכט : שטיל געוועזן טעג און וואָכנלאַנג,
באַהאַלטן ערגעץ — ששאַ...

ביינאַכט און אין באַגין מיט פויסטן האַסטיקע
האָט מען אייך געוועקט,
עס האָט צו אייער היים די שפּין — די סוואַסטיקע,
געצויגן זיך, געשטרעקט.

עס האָט די קליינטשיקע נאָך אין די ווינדעלעך
געשלעפּט פון שלאָף דער דייטש, —
לערנט=זשע מיט התמדה, לערנט, קינדערלעך,
און פאַרשטייט דעם טייטש.

ווייל פון גרוב אייך טאַטע=מאַמע בעטן נאָך :
יעדער שווערן מוז,
אַז די שפּין וועט ליגן אַ צעטרעטענע
אונטער אייער פוס.

ס'גלאַנצט ביים תליון ס'בלוט נאָך אויף זיין כאָלעווע,
קוקט=זשע איין זיך גוט —
ס'איז די שווערד בטוח — זי באַצאָלן וועט
פאַר טאַטע=מאַמעס בלוט.

ווי אַ פען פאַרשרייבט זי יעדעס טרערעלע,
ס'איז איר חשבון גרייט,
מאָנען זאָלט איר, קינדער, מאָנען מערער נאָך
ווי אין פּסוק שטייט...

— — — — — — — — — — —

נישטאָ דאָס רבילע, און זיין טייטעלע —
ווי זיין געביין — פאַרברענט, —
דערקענט־זשע, קינדערלעך, דערקענט דאָס צייטעלע,
און דאָס בייז דערקענט.

אויפן פריפּעטשיק — נישטאָ קיין פייערל,
און אין שטוב איז קאַלט, —
הייבט־זשע קעפּעלעך צום פרילינג אייערן,
וואָס קומט אָן שוין באַלד!

פּאַריז, יאַנואַר 1945



# קארוזעליע

וועր קען, מיין טעכטערל, צו דיר זיך איצטער גליייכן,
ווען דו זיצסט אויפן פערד פון בלעך צי האלץ
פון דער צעקלימפּערטער און דולער קארוזעליע.
דו ביסט ווי א פרינצעסין אויפן זאטל שטאלט און שטאלץ,
דו טראגסט זיך פלינק, און אט וועסטו דערגרייכן
די נישט־דערגרייכטע הויכע בלאע סטעליע.
נאך דיר: אוויאנען, שיפן, רייטוואגנס און פאנצערס,
געלאדענע מיט קינדערשן געלעכטער בלויז,
באגלעקלטע, באטראלבטע און באפראנדזטע,
זיי זענען אין א שלאכט א פרידלעכער ארויס
פאר איינעמען, געווינען פאר דער פרייד
דעם גאנצן רונדן שווינדלענדיקן שטח,
און פון געזעסן, רודערס, קארבעס, העט פארשפּרייט —
צעטראגן זי ארום, געכפּלט אויף דיאמעטערס.
די קארוזעליע טראגט זיך ווי בארוישט פון זומער
און אין א גאלד־געשפּאן פון שטראלן פליט דיין פערד,
עס איז מיט דיין געלעכטער אנגעשטעקט ארום די ערד,
ווער ס'פאלט אריין צו איר, דער וועקט זיך פונעם שלומער.
האלטכט־אן זיך אן דער פייערדיקער גריווע,
ווי אין די ווארצלען זאפּטיקע א יונגער בוים,
דו נעמסט ארוים דעם זקן פון זיין גליוועער
און פירסט אריין די זקנה אינעם קעניגרייך פון טרוים —
אט האט זי מיט די שטאפּלען פון די קנייטשעלעך אויף איר געזיכט
איצט אומגעקערט זיך צו איר קינדהייט אומגעריכט,
און ווידער זעט זי זיך א מיידעלע פון דריי־פיר יאר,
מיט א קאלירטן שמעטערלינג פון זייד אין אירע בלאנדע האר.

דעם היימישן קוואַרטאַל, דעם טונקעלן, האָסטו צונויפגערופן,
די פענצטער פון פּאַסאַדעס האָבן זיך צעעפנט ברייט,
ווי שמייכלען פון דער נויט, גליקזעליקע אין פרייד.
די אַלטע הייזער בייגן זיך ווי בגילופין,
און ביי דער זייט דיין מאַמע שטייט און קוועלט דערפון,
וואָס מיט דיר דער פּלאַץ אַ יום־טובדיקער פרייט זיך
און אַרום איר צעשטראַלט געזיכט די קאַרוזעליע דרייט זיך,
ווי די ערד אַרום דער זון.

# כאָטש לאַנג בין איך געוווינט...

כאָטש לאַנג בין איך געוווינט צום טוישן פון מעת־לעתן,
דאָך ווערט עס מיר נישט קיינמאָל נמאס און דערעסן.

דאָס וועלקן און דעם בלי, דעם שניי־שיט און דעם האָגל —
איך טרינק זיי, ווי געטראַנק, פאַרמישט פון צייט — דעם לאָגל.

דעם פרילינג האָב איך ליב, כ'זאָג אויך דעם האַרבסט : ווילקאָמען !
ס'האָט יעדער זמן זיין חן, זיין פאַרב, און כ'לויב זיין נאָמען.

די ביימער ערשט אין שניי, אָט — ווײַנשל־צוויט און בעזן —
אַלץ, אַלץ איז גוט געזען, כאָטש אַלץ איז שוין געוועזן.

פון גרין פון פרישן גראָז, פון זילבער פון דער קריע,
פון רויט פון רייפער פרוכט ווערט גאָרנישט מיד מיין ראיה.

כ'האָב ליב די מילדע זון, כ'האָב אויך דעם שטורעם גינציק,
די בלויקייט פון זעניט איז מיר צום בליק אַלץ ווינציק.

די ווערבע ווײַנט אַראָפּ און ס'שיטט אַרויף דער טאָפּאָל —
כ'האָב אַלץ געזען שוין לאַנג און זען כ'בין גרייט אַלץ טאָפּל.

# טויבן

די ערשטע שיין פון זומער־טאָג
האָט קוים פאַרכאַפּט דעם קוימען־שפּיץ.
אין צימער — ס'פּענצטער אָפן.
פון נאָענטן דאַך, קאַרניז, צי גזימס,
מיך וועקט אַ טויבן־וואַרקעניש
און לאָזט מיך מער נישט שלאָפן.

איך קער זיך אום אויף רעכטס, אויף לינקס,
כ'פּאַרדעק זיך, נאָר ס'האָט אויך אַהער
דאָס טויבן־קול געטראָפן —
אין האַלב־געיאָמער, האַלב־געברום.
ס'איז תּפילה? קלאָג? צי ליבע־רוף? —
אַלץ איינס — איך קען נישט שלאָפן...

איך טענה פון מיין בעט צו זיי:
איך שעץ פון תּמיד אייער ליד
פון שלום און פון האָפן —
נאָר וווּ איז יושר, טייבעלעך?
איר גיט מיר קיין מנוחה נישט,
איר לאָזט מיך גאָרנישט שלאָפן!

און אָט האָט עמעצער מיט כעס
אַ שטיין געשליידערט אין דער נעסט,
די טויבן צו באַשטראָפן.
אַנטשוויגן איז דאָס וואָרקעניש.
ס'איז רואיק־שטיל... נאָר ס'לאָזט מיך ערשט
די שטילקייט מער נישט שלאָפן...

# וואָלקנס

כ׳זע וואָלקנס פאַרנאַכטיקע ציען
דאָרט הויך, איבער דעכער פון שטאָט,
באַזיימטע מיט רויטקייט פון שקיעה,
ווי וואַטע געטונקען אין יאָד,

וואָס שטיקערווייז מ׳האָט, שוין נישט נויטיק,
פאַרוואָרפן פון עמעצנס וווּנד;
איצט שווימען זיי פלעקיק און קויטיק
אין בעקן פון הימלישן רונד.

כ׳זע וואָלקנס ווי קריעס צעשלאָגן,
אויף שטיקער פון פרילינג צעקלאַפּט,
וואָס אײַלט אויף זײַן גאָלדענעם וואָגן
און ס׳איז פאַרן קאָרק ער פאַרכאַפּט.

זיי גייען ווי קעז, וואָס דערשראָקן
זיך ציען צו עפּעס אַ זינד,
און שטיל, ווי אַ זקן אין זאָקן —
נישט איבערצוּוועקן אַ קינד...

זיי גייען, ווי אורמענטשן וואָלטן
געשפּאַנט אָן אַ זין אויף דער ערד,
מיט אייביקן שווייגן פאַרשאָלטן,
פאַרדימיונט און אין־זיך פאַרקלערט.

וואָס קלערן זיי ? קלערט דען אַ וואָלקן
אין וואַנדערגאַנג זיינעם פאַרשטומט ?
צי קען ער זיין וועג ? און צומאָל קען
ער וויסן פון וואַנען ער קומט ?

און ווייסט ער דען ווו, איבער דעכער,
ער איילט זיך אַצינד אין פאַרנאַכט ? —
פאַרריים איך מיין קאָפּ דאָרט אַלץ העכער
און כ׳קוק אויף די וואָלקנס און טראַכט :

אַז ווויל איז אויף ערדישע וועגן
דעם גייער, וואָס בלאָנקעט נישט בלינד,
און בלאָנדזשעט ער — קען ער זיך פרעגן...
אַז ווויל איז דעם מענטש, וואָס קיין ווינט

באַדאַרף נישט, ווי וואָלקנס, אים טרייבן;
וואָס קען זיינע וועגן אַליין,
וואָס ווייסט אויף דער ערד ווו צו בלייבן
און ווייסט אויף דער ערד ווו צו גיין.

# אָנדענק-טאָוולען ביי די טויערן

טאָוולען ביי די טויערן,
אונדזער איידלשטיין,
צווישן טויזנט מויערן
בלייבט איר נישט אַליין.

פּלאַטן בלייך-מאַרמאַרענע,
ס'גאָלד מיט גלאָריע בליצט,
נעמען נישט-פאַרלאָרענע —
אין מיין הויט פאַרקריצט.

כ'זע אַלבאַסטערס ציכטיקע
ווי דעם העלדס געביין,
מעדאַליאָנען ליכטיקע
איינגעפּאַסט אין שטיין —

און אין האַרץ דעם אייביקן
פון דער יונגפרוי — שטאָט.
ווער, ווי זי, פאַרהייבן קען
אייך ווי אַ געבאָט ?

אותיות ווי שפּליטערן
שטעכן דורך די נאַכט —
זי, פּאַריז, די היטערין,
אייער שיין באַוואַכט.

שטענדיקן באַדויערן
האָט פאַרפרעסט די דלאָט,
ווי אַ בוך פון מויערן
כ'מיש די גאַנצע שטאָט.

כ'לייען די בלעטער אָפענע —
ווער ס'האָט דאָ געוווינט,
די אין שלאַכט געטראָפענע,
די פון רום געקרוינט.

לענגער איצטער דויערן
מיינע געננג אין שטאָט, —
פאַר די אָנדענק־טויערן
לאַנגזאַם ווערט מיין טראָט.

כ'בלייב פאַר אייך אַ ווײַלע שטיין,
בעלוויל, רעפּובליק,
ס'ווײַזט מיר אָן — אַ מיילן־שטיין —
יעדעס מאַרמאָר־שטיק.

זועסט, פאַריז, נאָך דויערן
מער פון שטיין־מאַסיוו,
ווייל פון דיינע מויערן
כ'לייען דיין יחוס־בריוו.

# באַלאַדע פון די 48*

זיי ברעכן־אויף די שוואַרצע טרויער־רעם,
וואָס איז פאַר זייער אָנדענק ווי אַ קלעם,

און דרינגען־דורך מיין דמיון און מיין שטוב
מיט שטריק־סימנים פונעם טויטן־סלופ.

שטאָט געלע לאַטעס — אויפן האַרץ די ווונד,
מיט ערשטן מאָרגנליכט באַשיינט, באַזונט,

און שטעלן זיך פאַר מיר אין זייער צאָל —
די לאַגער־ברידער מיינע פון אַמאָל,

וואָס כ׳האָב מיט זיי דעם טרוים פון האַרץ געטיילט,
און ס׳ברויט — געציילטע ביסלעך; — געמאָסטן און געציילט;

די האָפענונג, און שכנהשאַפט פון בעט,
דעם רויך פון סאַמע לעצטן ציגאַרעט.

די לאַגער־ברידער מיינע, וואָס מיט זיי
בין איך געשטאַנען אין איין הונגער־ריי.

* דעם 15־טן דעצעמבער 1941 האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פון לאַגער דראַנסי, הינטער פאַריז, 48 יידן און זיי דערשאָסן אַלס ערובניקעס צוזאַמען מיט 52 פראַנצויזישע פאַטריאָטן.

וואָס איין רעפלעקטאָר=ליכט האָט אונדז ביינאַכט
אין פינצטערניש געהאַלטן און באַוואַכט,

און וואָס איין האַנט האָט מיך מיט זיי געציילט,
און וואָס די קויל האָט מיך מיט זיי צעטיילט.

עס האָט זיי אָפּגעציילט נאָך איין אַפּעל.
אַריבער שוין די לעצטע דראַנסי=שוועל.

די לעצטע שוועל אַריבער — נאָר וווהין ?
ס'געווער — געשטרעקט, און דער מונדיר איז גרין...

דער דייטשער העלם רוקט=אָן זיך ווי די נאַכט — —
עס איז דער לעצטער חשבון שוין געמאַכט.

געחתמעט מיטן ברידערלעכן בלוט,
וואָס אין די הערצער טריי זיין חותם רוט. — —

די לאַגער=ברידער מיינע היינט ביינאַכט
זיי האָבן זייער אומרו מיר געבראַכט :

— עס הערט נישט אויף צו שטעכן אונדז די דראָט
פון דראַנסי — דער פאַרצוימטער יידן=שטאָט.

די ערד האָט זיך נאָך אונדז נישט איינגעשטילט,
די ביקסן זענען אַלץ אויף אונדז געצילט — — —

ווי קען דאָס זיין ? איך נישטער אין אַרכיוו,
איך לייען און בלעטער די געזעגנונגס=בריוו.

פֿאַרזיגלט מיט אַ לעצטער אָפּשיידס־טרער, —
די טויטע קען מען דאָך נישט טויטן מער...

אָט גיט אַ האַנט מיט גבורה זיך אַ הויב,
רייסט אָפּ דעם פֿאַרהאַנג און די נאַכט פֿון שויב:

— די לופֿעס גרייכן אונדז אויפֿסניי פֿון רײַן! — —
און כ'זע: דאָס קוקן זיי צו מיר אַרײַן,

געצילטע אויף מײַן טיש און אויף מײַן בעט,
אויף דעם געזאַנג, דעם חלום, דעם געבעט,

אויף דעם וואַזאָן, דעם שפּילצייג און דעם העפֿט.
— אייך אַלע אויך די ביקסן־שורה טרעפֿט!

— — — — — — — — —

ס'געוועוער אין שויב די מאָרגנשײַן פֿאַרשפּאַרט —
דער ליכטזייל פֿון די אַכט־און־פֿערציק וואַרט...

1954

# זשאַן ריגאָלע*

אין מיטן גאַס אַ הויפן קרענץ — אַ שייטער,
ווי ס׳וואָלט פון ברוק אַרויסגעשפּאַרט אַ בראַנד.
ער הויבט זיך אויף — אַ פייערדיקע לייטער —
דעם יונגן מויערער פון נאַנט.

אָט דאָ, וווּ ס׳האָבן זיך פאַרקייכט די שאָסן,
פלאַמט־אויף די רויז און ס׳שטראָמט דער רויטער באַנד,
ווי ס׳בלוט פון אַרבעטער, ערשט נעכטן דאָ פאַרגאָסן,
פון יונגן מויערער פון נאַנט.

זיין קעלניע פלעגט זיך טראָגן ביז צום הימל,
די זון איז נאָנט — דערלאַנג זי מיט דער האַנט.
אַלץ ווייטער ווערט דער גרויער מענטשן־ווימל
פון יונגן מויערער פון נאַנט.

די רושטאָוואַניע פון די בוי־וואַרשטאַטן —
אַ שפּינען־נעץ, וואָס האַלט זיין קראַפט געשפּאַנט,
און אָט צערייסט ער זי, ווי תּפֿיסה־קראַטן,
דער יונגער מויערער פון נאַנט.

פון העכסטן שטאָק אַראָפּ צענעמט די פליגל
אַ יונגער אָדלער — און ער טראָגט זיך, שפּאַנט,
מיט ברידער, ווי אַ ציגל אין אַ ציגל —
דער יונגער מויערער פון נאַנט.

---

* אַ יונגער מויערער־אַרבעטער, דערהרגעט געוואָרן בעת אַ שטרייק־מאַניפעסטאַציע אין דער פראַנצויזישער שטאָט נאַנט.

און אַט — ווי ס'וואָלט די קעלניע אָפּגעפלויגן
אַליין, און לעבן אים פֿאַלט איין די וואַנט...
עס לעשט זיך אויס דער הימל אין די אויגן
ביים יונגן מויערער פֿון נאַנט...

דער הויפּן קרעניץ — אַן אַנדענק־פֿלאַם, צום ערן,
די גאַס האָט אָנגעצונדן, אים דערמאַנט.
ווי לייכטער, שטום צוקאַפּנס — וואַכן שווערן
דעם יונגן מויערער פֿון נאַנט.

ס'פֿאַרלעשט זיך נישט דער ארון — רויט פֿון בלומען —
ס'פֿאַרוויקלען אים המונים נאָכאַנאַנד —
דאָס האָבן אים די אָרעמס פֿונעם לאַנד אַרומגענומען,
דעם יונגן מויערער פֿון נאַנט...

1955

## צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ

ווי אומעטום גרינט אויפן געגשער בית־עולם
ווען ס'קומט־אָן דער פרילינג אין בליטן באַנייט,
דער מינדעסטער גראָז אונטער שטיינער פאַרהוילן
גערופן ווערט אויך פון די שליחים פון צייט.

אוןביימער פאַרצאָגטע שוין שטייען פאַרבליפטע,
אין אויסשטייער ווייסן די זון טוט זיי אָן;
זיי וועלן באַשיטן דעם אוהל פון נפטר,
וואָס שטייט ווי אַן אַלטער, פאַרכישופטער טראָן,

וואָס אים האָט אויף אייביק דער מלך פאַרלאָזן,
נאָר אייביק פאַרבליבן איז דאָרטן זיין רום,
און ווי עס באַנייען זיך צווייגן און גראָזן —
ער ווערט אויך אין פרילינג באַנייט אומעטום.

איך מאַך זיך אַ וועג דורכן ברוכוואַרג און צאַמען,
די בליטן פון אוהל כ'שאַר זאָרגפעליק אָפּ,
און דאָרט, אין זיין טיף, ווי אין שוים פון אַ מאַמען,
אין שווייגן איך לאָז איצטער זינקען מיין קאָפּ.

איך מאַך זיך אַ וועג דורך די צאַמען פון צייטן,
כ'שאַר אָפּ, ווי די בליטן, אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
אַ גאַנצער יאָרהונדערט... איך לאָז מיך באַגלייטן
זיין גאַנג און זיין לעבן פון דור צו אַ דור...

דער נפֿטר שטייט־אויף און מיר לאָזן זיך שפּאַנען
דורך לײדיקע גאַסן אַוועק צו זײַן היים.
אין האַרץ מײַנס פֿאַרבאָרגן זײַן הויז אויף צעגלאַנע
שטייט ווי אַ פֿאַרצויבערטער פּאַלאַץ, געהיים.

כ׳האָב קיינמאָל דאָס הויז נישט געזען אין מײַן לעבן
און כ׳וועל עס נישט זען... ס׳האָט מײַן האַנט נישט באַרירט
זײַן גלעקל אין טיר, נאָר מיר דאַכט זיך, עס שוועבן
די קלאַנגען אין חלל אַרום, וואָס וויברירט.

עס האָט זיך דאָס גלעקל אין האַרצן פֿאַרקליבן,
באַהאַלטן אַזוי ווי אַ גריל צווישן ווענט,
עס קלינגט ווי אַ ניגון פֿון יאָרן פֿאַרבליבן,
עס קלינגט ווי דער הערלעכסטער שפּיל־אינסטרומענט.

כ׳הער קלינגען די צײַט: גאַרדאַוואָיען, נאַהייקעס,
דאָס פּאָכען פֿון קנוט און פֿון פֿערדישן עק,
געפּלאַטער פֿון פּאָנען און לידער פֿון שטרײַקערס,
צעריסענע ברוקן און טראָגנען אין שרעק...

ער הערט אַלץ, ער הערט אַלץ, דער מאַן פֿון צעגלאַנע,
פֿאַרזונקען דאָרט אין זײַן פּאַפּירענער וועלט,
ער האָט פֿאַרן דונער־געהילך פֿון טיטאַנען
מיט בויגנס פּאַפּיר זײַן געהער נישט פֿאַרשטעלט.

דער מאַן איז גראָד איצט אויף גזשיבאָווסקע פֿאַרנומען,
פֿאַרזונקען אין אַנדערע בויגנס פּאַפּיר,
דער טינטער דערמאָנט אים אין קבר אין שטומען,
דאָס ווײַס פֿון פּאַפּיר — אין תכריכים־קאָליר.

דער מאַן איז פאַרנומען מיט קרקעס, עגלות,
מיט פערד אין געוואַנטן אין טונקלע פאַרדעקט;
ווי ס׳פאָכען פון מלאך־המות די פּאָלעס —
זיי וואַרפן אויף קינדער אַן אימה, אַ שרעק.

וואָס קומסטו מיר, טויטן־טוך, איצט אויפן זינען?
דער מאַן פון צעגלאַנע איז לעבן, איז מוט!
אַוועק! איך וויל זען בעסער זיין פעלערינע,
זיך איינטוליען שטיל אונטער איר איז מיר גוט.

ער האָט זי אויף אונדז, ווי דער אָדלער די פליגל
אויף עופהלעך זיינע, פאַרשפּרייט און פאַרדעקט,
און דאָרט, פון איר וואַרעם, איז לעבן געשטיגן,
דאָס בלוט האָט געזונגען, דאָס ליד האָט געוועקט.

ער האָט זי פאַרשפּרייט אויף אַ ווייטן מהלך,
נאָר קיינמאָל פאַרדעקט, נישט די שיין, נישט די וואָר,
אַפּער איז, ווי פון אַ געווינערינס ליילעך,
דאָס שווייגן פון באַנטשען — געשריי פון אַ דור.

און ווי אַ בונטאַר הינטער פּאָלעס פאַרבאָרגן,
ער טראָגט הינטער איר דעם נעמיראָווערס האַק,
פאַרעקשנט זי ברענגט, קעגן שפּראָץ פון פרימאָרגן,
די ליבשאַפט אין העלצער פאַרבונדן, פאַרפּאַקט.

געגאַנגען פון איר איז אַ וווּנדערלעך קלינגען,
וואָס אומעטום האָט עס דאָס ליד מיינס באַגלייט,
דאָס האָט זי אין פּאָליש צעריסן די רינגען
פון בלייכן, געשמידטן פאַרמשפּטנס קייט.

איך האָב פאַר דעם קלינגען אין וואָגל דורך צייטן
געטראָגן אין האַרצן מיין ליבשאַפט און דאַנק,
ווייל ווי קען דען זיין פון צעשמעטערטע קייטן,
צעריסן אויף הענט — נאָך אַ שענער געזאַנג?

— — — — — — — — —

נאָך הער איך אין אוהל אַן אָפּקלאַנג פון פּאַליש,
כאָטש אויפן בית־עולם איז פאַרכטיק און שטיל.
אַפּריל — און אַ פויגל זינגט־אויף מעלאַנכאָליש,
ווי זינגען וואָלט ער פון אַ צווייטן אַפּריל,

ווען ס'האָבן אין פרילינג די ביימער געטרויערט,
ווייל ס'האָבן קיין קנאָספן שוין מער נישט דערבליט;
דער פלאַם־וואַרפער האָט פון די לעכער געלויערט —
פאַרשרפען דעם פרילינג, פאַרצערן דעם צוויט.

דער נפטר זיך שלייכט צו פאַרפייניקטע קנאָכנס
פון גוססן געטאָ — מיט ברכה און טרייסט;
עס האָט אַלע וואָכן און ווענט דורכגעבראָכן
די שאַרף און דאָס שטראַליקע ליכט פון זיין גייסט.

צו פינצטערע בונקערס, פאַרבאָרגענע טיפן,
צו מורדים ער טראָגט דעם נעמיראָווערס האַק,
איר שאַרף האָט ביים צאָרן פון פאָלק זיך געשליפן,
צו פאַלן אויף שאַרבנס פון פיינט ווי אַ פּסק.

אין שטילקייט די טיפן דאָרט זידן און גרימען,
אַ פונק צו אַ פונק ווערט געקליבן צום שטרייט.
זיין שטים, דאַכט זיך, הערט מען אויך צווישן די שטימען:
דורך שטאַרבן מיט כבוד צום לעבן זיי גרייט!

די ביקסן אין אויפשטענדלער־הענט ווי מנורות,
באַלייכטן דעם וועג צו נקמה און טאַט,
פאַר לאַנגע געדולדיקע עוולות פון דורות
עס פּלאַצן די הערצער ווי ס'פּלאַצט דער גראַנאַט.

און מויערן פּלאַצן צעפּליקטע אויף שטיקער,
עס שטיקט זיך דער ווילן אין רויך און אין בלוט,
עס פאַלן די ווענט פון דער געגשע און דזשיקע,
נאָר ס'פאַלט נישט ביים קעמפער די גבורה, דער מוט.

און אָט איז דער גיבור דער לעצטער אויף דעכער,
מיט פאָן און מיט גלאָריע און פלאַם אויפן קאָפּ,
ער קלעטערט צום הימל — און אויב נישט נאָך העכער,
דער כסא הכבוד אַליין רוקט זיך אָפּ.

— — — — — — — — — — —

און שטיל איז אין געטאָ, ווי אויפן בית־עולם,
די קעמפער די לעצטע פון לאַנג שוין אַוועק.
נאָר, דאַכט זיך, זיי גייען, פון שלאַכט־רוף באַפוילן,
צי אפשר פון מיינע מחשבות דערוועקט.

צום יאָרצייט אַהער זענען אַלע געקומען —
פון קראָמען און קעלערס. די פּריץ־שול גייט.
עס גייען די קינדער מיט העפטן און בלומען,
נאָר עפּעס אַ שווייגן זיי אַלע באַגלייט.

זיי האָבן צום יאָרצייט גענומען זיך גרייטן.
נאָר האָבן דאָס ליד נישט דערלערנט צום סוף,
די ערד האָט זיי אַלע פֿאַרשאָטן באַצייטנס,
איין וואָרט נאָך פֿון ליד האָט געבעטן זיך: „האָף!“...

עס זאַמלען זיך אויף די סקעלעטישע ביינער
ביינאַכט אויפֿן אַלטן און חרובן מאַרק,
זיי שרעקן נישט קיינעם, עס שרעקט זיי נישט קיינער.
עס האָט זיי אַ קראַפֿט אַ געהיימע געשטאַרקט.

זיי ווערן שוין מער נישט פֿאַרשווונדן צעטראָגן,
ווען ס׳קרייעט דער האָן אויפֿן פּלויט בעת עס טאָגט,
דער נאַרישער האָן קאָן זיי מער נישט פֿאַריאָגן
זינט ס׳האָט זיי דער דייטשישער טאַנק נישט פֿאַריאָגט.

זיי גייען אין טאָג אַריין אָפֿן, בפרהסיא,
עס שאָרכן תכריכים, עס קנאַקט דאָס געביין,
די חרובע שטאָט, ווו עס ציט די פּראָצעסיע,
זי וויל מער קיין הפקרע קרעטשמע נישט זיין...

און אָט איז די עדה דאָס טויער אַריבער,
פֿאַרפּלייצט די אַלייען, די קברים פֿאַרדעקט,
אַ האַסטיקער טייך אין גערודער גייט־איבער,
און מיך — ער פֿאַרשווענקט ווי אַ שטיינדל ביים ברעג.

אָט גייט פֿון דער קלויז דער פֿאַרקלערטער מקובל,
די נייטאָרין גייט מיט דער נאָדל און שער,
דער מאַן מיט דער זעג, מיטן האַמער און הובל,
דער מאַן מיט געהייליקטער פֿאָן און געווער;

די אויפשטענדלער גייען, די שטערנס געלעכערט,
נאָר אונטער די שטערנס אַ חלום איז גאַנץ,
דעם טאַש פון פּאַטראָנען, די פלאַמען פון דעכער,
זיי לייגן ביים אוהל אַוועק ווי אַ קראַנץ.

זיי האָבן די ווענט פון דער ענגשאַפט צעבראָכן,
די אייגענע קעפּ אויך צעבראָכן אין שטיין,
בכדי זייער טויט זאָל אויך זיין אַ נצחון,
דעם נפטר אין אוהל מודיע צו זיין:

מיר האָבן דיין נאָמען פאַר דורות געראַטעוועט,
מיר האָבן אַ פאָלק פון דער בושה באַפרייט,
מיר האָבן די אייזערנע קייטן צעשמעטערט —
צו טראָגן אויף אייביק די גאָלדענע קייט.

1951

# ביי דיין בעטעלע געבויגן...

מילכהן

מיין מיידעלע, מאך־אויף צו מיר די אויגן
און זע, ווי טאטע־מאמע שטייען
פון ביידע זייטן בעטעלע געבויגן
איבער דיר — א באלדאכין,
וואס דעקט דיך צו
און אויף דיין קעפעלע שפרייט אויס די רו,
ווי נאכט שפרייט אויס די רו אויף אלע וועגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן זי, דיין רו, צו שטערן?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

עס שטייען איבער דיר פון ביידע זייטן
ווי בוים צו בוים געבויגן — טאטע־מאמע,
מיט קעפ פארפלאכטן איינער אינעם צווייטן,
ווי אן אלטאנע — איבער דיר פארצווייגט,
און וואס איר סכך אויף דיר א קילן שאטן לייגט
אין צייט פון חמימה
און זי פארשטעלט דיך פונעם ווינט און רעגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן זי דיר אנצורירן,
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן?

מיין מיידעלע, מאַך־אויף צו מיר די אויגן
און זע, ווי טאַטע־מאַמע שטייען,
ווי ס׳וואָלט געוועזן איבער דיר פֿאַרצויגן
און אויף דיין בעטעלע פֿאַרלייגט — אַ בריק,
ווו אונטן פֿליסן כוואַליעס — די מעת־לעתן דיינע,
און ווי דער וואַסער־שטראָם — דאָס גליק,
פֿאַרגיסט און פֿלייצט פֿון בעטעלע די ברעגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן דיר דעם שטראָם פֿאַרשטעלן ?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן ?

צו וואָס נאָך, מיידעלע, זאָל איך פֿאַרגלייכן
טאַטע־מאַמעס שטיין ביי דיר פֿוןביידע זייטן,
וואָס איבער דיר זיך שטרעקן און דערגרייכן ? —
זיי זענען איבער דיר געבויגן — ווי אַ דאַך,
ווו טויבן שטעלן זיך אויף אים און וואָרקען
אין שלווה און אין רו — ווי נאָר אַ טויבן־פּאָר קען —
דאָס ליד פֿון שלום און פֿון פֿרייד פֿאַר דיינעטוועגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן דיינע טייבעלעך פֿאַרטרייבן ?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן ?

מיין מיידעלע, מאַך־אויף אויפֿסניי די אויגן.
דער אָוונט דעמערט אַרום דיר אין צימער,
און ס׳שטייען אין דער טונקלקייט געבויגן
טאַטע־מאַמע איבער דיר — ווי אַ טויער,
דורך וואַנען ס׳פֿאָרט אַ שיינענדיקער צוג אָרוים —
דיין בעטעלע — און ציט פֿאָרויס, פֿאָרויס,
און ס׳לויכט פֿון ווייט די צוקונפֿט אים אַנטקעגן —
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן אים אין וועג פֿאַרהאַלטן ?
אוי, ווער וועט זיך דערוועגן ?


Benn

## אייזיקל שרייער — דער וועקער פון קאַריוו

אין ווינטער־נעכט לאַנגע דערגרייכט מיך זיין קול און ער לאָזט מיך נישט רוען.
ווער איז ער דאָס, ווער? איך געדענק נישט זיין אויסזען, געשטאַלט, צי אַ
מינדעסטע תנועה.

ער פלעגט אין די ווינטער־באַגינענס צו אַרבעט און מסחר מיין שטעטלע וועקן,
— „שטייטס אויף צו עבודת הבורא!" — פלעגט ס׳יעמערלעך קול זיינס פון
דרויסן מיך שרעקן.

ער טשוכעט זיך אויס היינט פון שניי פון מיין חרובן שטעטל אין פוילן,
ווי ס׳ווידערקול זיינס פון זיין קאַזשוך, די שפּענצערס, די רימענס, קאַמזוילן.
און ביז צו מיין פענצטער קומט ווידער מיך וועקן היינט אייזיקל שרייער,
ווי דאַן, ווען די שויב איז געווען מיט פראָסט און די הרובע אַן פייער.
ווי דאַן אין די שנייען — ער וואַנדלט אַרום אין מיין דמיון אַצינדער,
און כ׳הער ווי ער ראַנגלט זיך דאָרטן מיט ווינט און מיט ווענט, ווי אַ בלינדער,
זיין אַלטיטשקער קאַזשוך געלאַטעט מיט נאַכט און פאַרשפּיליעט מיט שטערן —
אַן אַלטער, אַ פּשוטער ייד, וואָס איך האָב אים געקענט בלויז פון הערן.
פון אַלץ, וואָס די צייט האָט פאַרדעקט און פאַרשאָטן — זיין קול איז פאַרבליבן, —
עס וועקט מיך, ס׳וויל זיין אין געזאַנג מיינעם, ווי אין אַ פּנקס, פאַרשריבן,
ווי ס׳האָט אין די שנייען זיין לעבן פאַרשריבן זיין פראָסטער, זיין דעמבענער
שטעקן.

געחתמעט זיין נאָמען — באַקומען צוליב זיין מלאכה, זיין שרייען, זיין וועקן...

פאַרדעקט איז דאָס שטעטל מיט שניי און מיט שלאָף און מיט חלום פון וונדער
און אויף די געלעגערס, די שטרויזעק — אין צודעק פאַרוויקלט אַ יעדער באַזונדער.
דאָס קישן איז פול דאָרט מיט רענדלעך, צי גאָר מיט „נישט־גוטע“ מיט קרומע העוויות,
עס יאָמערט אין קוימען דער ווינט ווי פאַרעקשנט געוויין, נישט־געשטילטס, אויף לוויות.
עס קריכט אויף די שויבן געלאָסן דער פראָסט ווי אַ מאָדנע פיל־פיסיקע חיה.
און פלוצלינג אין דרויסן רייסט עמעצער איבער די שטילקייט — ס׳איז אייזיקל שרייער.
ס׳הערט יעדער זיין יעמערלעך קול און זיין ניגון, נאָר אים זעט נישט קיינער,
אַזוי ווי די גריל, וואָס מען הערט, נאָר מען זעט נישט — פאַרשטעקט הינטער ציגל און שטיינער.
נאָר ווער האָט באַדאַרפט דען דאָס אייזיקלען זען גאָר, מ׳האָט הערן באַדאַרפט אים בלויז שרייען.
זיין קול איז ביי קהל געווען פאַר דער שטאָט אַ געצייג און צום שלאָף אַ כלי־זיין.
ער האָט מיט זיין קול פון דער נאַכט — ווי אַ רידעל פון רויערד — געגראָבן חיונה,
דאָס קול איז געווען ביי אים ווי צוגלייך ביי דעם קלעזמער דער סמיטשיק, די סטרונע.
פאַר אייזיקלען האָט זיך קיין פיפס נישט געהערט — בלויז דער ווינט האָט געקלאָגט אין די שנייען,
זיין קול איז געווען פאַרן האָן ווי אַ צייכן, אַ סימן צום אָנהויבן קרייען,
און ס׳האָבן די שטערן געוווסט, אַז דער טאָג הויבט זיך אָן צוליב אייזיקל שרייער.
ער וועקט — און שוין קלימפּערט דער עמער אין ברונעם און ס׳רירט זיך דאָס שטרוי אינעם שייער.
שוין סקריפּעט אַ שליסל, עס גענעצט אַ טויער צעעפנט, פאַרשלאָפן, צעצויגן.
אַ רויך פון אַ קוימען שוין חנדלט זיך לאָקיק צו ד ע ר זייט און יענער געבויגן.

שוין שרויפט זיך אַ קללה אַריין אין פאַרטאָג ווי אַ קניפּ אינעם לייב אינעם דיקן.
עס מאָלט שוין דאָס ראָד פון דער מיל און עס מאָלט ווער אַ שחרית אַ שנעלן בשתיקה;
שוין קלינגען צעגליטע די אייזנס אין קוזשניע און שיטן מיט גאָלד — אַ פאַרמעגן,
שוין שפּאַנט מען די שליטנס און פערד צום יאַריד פאַר די ווייסע, פאַרלוירענע וועגן.
פון הינטער די הייזער, די טירן, צו ביסלעך דאָס לעבן הויבט אָן זיך אַנטפּלעקן.
ווי אייזיקלס קול וואָלט געוועזן אַ שפּרוך און פון כישוף זיין פשוטער שטעקן.

נאָר איינמאָל האָט עפּעס די שטאָט זיך פאַרשפּעטיקט און, נישט ווי געוויינלעך, פאַרשלאָפן,
ווייל אייזיקלס ניגון כמעט נישט געהערט און זיך שפּעטער צוזאַמענגעלאָפן
אין מאַרק אַריין, ווו ס'האָט זיך עפּעס געשוואַרצט, ווו געפירט האָבן קויטיקע פלעקן —
די שפּורן פון אייזיקלס טריט אינעם שניי, די סימנים, די שריפט פון זיין שטעקן.
זיין באָרד האָט אַ ווייסע פון זיקנה און שניי, ווי אַ טענה אַרויף־צו געשטרעקט זיך.
קיין וואָרט נישט געזאָגט. און דאָס שטעטל אַליין האָט מיט אייגענע קולות געוועקט זיך.
מען האָט צווישן אייזיקלס לויזע, צעעפנטע שפּענצערס, קאַמזוילן און רימען
געזוכט מיט עקשנות אַ צייכן פון לעבן, אַ שאָרך און אַ מינדעסטן סימן.
די שטאָט פלעגט ער יאָרנלאַנג וועקן — נאָר דאָס מאָל געוועקט האָט זי אים און געשריגן...
נאָר איצט אינעם שניי — אין אַ וויים־ציכטיק בעט, אין אַ זויבערם — געלעגן
איז ער און געשוויגן...

# ישראל אין פייער

געשריבן בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה אין יאָר 1948

פֿאַרהויבן אין חידוש, דערשטוינט און נתפּעל,
פֿאַרנעמען די אוראַלטע בערג פֿון ישראל
פֿון יידישע קריגער דעם רעש דעם דערוואַכטן,
פֿון לאַנג שוין פֿאַרקלונגענע פֿאָטערלאַנד־שלאַכטן.
אָ, בערג פֿון ישראל, היינט זאָלט איר נישט זיצן
ווי קעמלען אין מדבר, פֿאַרמאַטערט אין היצן;
דעם קלאַנג פֿון כלי־זיין, ווי דונערס געכפּלט —
וואָס קייקלט זיך איבערן בלוטיקן ווייִ־פֿעלד —
פֿון איינעם צום צווייטן זאָלט איר איבערגעבן,
ווי דור צו אַ דור גיט זיך איבער דאָס לעבן.

פֿון אַלטן תנ״ך, וואָס ער ליגט פֿאַר מיר אָפֿן,
עס טרעטן אַרויס די קדמונישע וואָפֿן,
זיי נעמען די דיקע חומשים צעפֿראַלן,
ווי ווייטע פֿאַרצייטישע קריגס־אַרסענאַלן.
זיי האָבן געדרימלט אין ראָסט פֿון לעגענדע,
איצט קוקן זיך אום: אָ, ווי אַלץ איז געענדערט,
ווי דורכגעמאַכט האָבן זיי קפֿיצת־הדרך:
דער רייטוואָגן זעט זיך אַ פֿאַנצער אַ שווערער.

אַ טאַנק — אַ געקאָוועטער לעמפּערט, אַ גיבור;
דער שטיינשליידער קוקט אין דערשטוינונג זיך איבער
און זעט ווי פון אים אַ האַרמאַט איז געוואָרן,
וואָס ברילט פון שיפּועים מיט פייער און צאָרן.

אָ, נביא, דו טרוימער פון יושר און שלום,
ס'איז אַלץ נישט מקוים געוואָרן דיין חלום —
פון שווערד איז נאָך אַלץ נישט קיין אַקער געוואָרן,
ווי דו האָסט געזונגען פאַר טויזנטער יאָרן, —
עס גייט גאָר פון אַקער אַ שווערד איצטער ווערן,
בכדי פאַר דיין אייביקן טרוים זיך צו ווערן.

כאָטש ווייט פון דיר זענען מיר, ירושלים,
מיר זענען דיין חלום פון דורות מקיים:
עס קומען פון ווייט דיינע זין די געטרייע,
מיט שוויים פונעם פּנים צו לעשן דיין פייער;
ווי קינדער נאָך וואָגל צום שוים פון דער מאַמען,
זיי קומען צו דיר פון צעבראָכענע שטאַמען,
פאַרלוירן אין אומגליק, אין שטורעמס, און ווידער
צוריק־אָפּגעפונענע וווּנדיקע גלידער.
אָ, זע די פאַרהויבענע יידישע אָרעמס,
געשטרעקטע פון אַלערליי שחיטות און קברים,
פון אַלע מיט ביינער פאַרשאָטענע טאָלן,
געסדרט, געציפערט מיט בראַנדיקע צאָלן,
ווי שלענג אויף די הויטן — דער צייכן פון גיהנום;
היינט אַנדערע פייערן זעסט אויף זיי ברענען —

געהייליקטע וואָפן צו דיר אויסגעשטרעקטע,
זיי טראָגן ווי לוחות דיר נייע, אַנטפּלעקטע.

איך האָב נישט פאַרגעסן דיך,ירושלים,
עס קלעפּט נישט צום גומען מיין צונג. והראיה,
אַ לויב זינגט זי אוים דיינע זין, דיינע טעכטער.
אויך אָפּגעדאַרט איז נישט מיין אָרעם דער רעכטער —
אָט זעסטו, ער שטרעקט זיך צו דיר אַ פאַרבענקטער.
ס׳צעזונגענע האַרץ איבער ימען דיר ברענגט ער.
און קיינער נישט, קיינער האָט דיך נישט פאַרגעסן,
אפילו נישט דער, וואָס אין גאַנג פון מעת־לעתן
געמיינט האָט, אַז ער האָט פאַרלאָזט דיך אויף אייביק;
נישט ווייסנדיק איז ער געווען אין דיר גלייביק,
זיין יעטוועדע טאָט איז געווען אַ צושטייער
דער קעלניע, דעם אַקער, דעם סערפּ און דעם שייער.
און האָט ער אַמאָל, בעת אַן אומרו אויף דזשיקע,*
געשליידערט אַ שטיין אין די קעפּ פון באַדריקער,
איז דאָס אויך געווען אַ שטיין צו דיין בנין,
וואָס קענסט אים אין מויערן דיינע געפינען...

געווינט צו געווין ביסטו, ירושלים,
נאָר איך וויל דיר זינגען אַ הימען אַ נייעם:
דו זאָלסט מער נישט זיין די פאַרצאָגטע אלמנה,
ס׳זאָל שיינען אונדז ווי פון אַ יונגפרוי דיין פּנים.

---

* איינע פון די באַלעבטסטע יידישע גאַסן אין פאַר־מלחמהדיקן וואַרשע

נאָך דורותדיק־לאַנגע פאַרגאָסענע טרערן
מיט פריד און מיט פרייד זאָלסט דאָס אויג אונדז באַשערן
ווי זון נאָך שטורעם זאָל זיין אונדז דיין שמייכל,
די גרענעץ פון שלום — די שוועל פון דיין היכל.

— — — — — — — — — — — — —

ביינאַכט. ווען דער רויש זעצט זיך אָפּ, דיך דערהער איך,
איך שפּרייז, היפּער שטעט, איך מאַך קפיצת־הדרך,
ביז כ'קום צו אַ ים־ברעג אַ זילבער־באַזוימטן,
וואָס ציט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער מיך, אַ פאַרטרוימטן.
און ווען אַ דערופענער זע איך זיך, בלייב איך
דאָרט שטיין און דאָס פּנים צו מזרח פאַרהייב איך,
ווי ס'פלעגן צום דאַווענען טאָן מיינע זיידעס.
פון ים הער איך גיין אַ געיאָמער פון עדות,
פון דורות, וואָס גייען צום טויט נישט־באַשיצטע,
און ס'בלענדן די כוואַליעס — חלפים צעבליצטע.

אַ ווינט גיט מיר שלום. קען זיין, אַז פון דאָרטן
ער קומט איצט, פון היימישע, יידישע פאָרטן.
פון יידישע שיפן, פון יידישע ברעגן,
גיט שטויב צו פאַרזוכן פון היימישע וועגן,
באַרירט מיך און כ'פיל, ווי עס וואָלט מיך מיין מאַמע
באַרירט מיט איר דלאָניע דער וויכער פון סאַמעט.

און ווידער דער ים רייסט זיך אָפּ מיט געשריי דאָרט,
ווי חייל, וואָס גיט זיך אין שטורעם אַ שליידער,
עס שלאָגן די כוואַליעס מיט האַסט און געדרודער —
דאָס רייסן אין שלאַכט זיך די בערג פֿון יהודה,
דאָס ברומען די זאַמדן פֿון נאַקעטן נגב.
ס'קלינגט יידיש כלי־זיין אויף יידישע וועגן,
עס ציען חיילות פֿאַרביי פֿאַר מיין ראיה,
און כ'בין דער אַרומיקער שטילקייט מודיע:
עס פֿלאַטערט מיין אָטעם אין זייערע פֿאָנען,
מיין האַרץ איז געלאָדן אין אַלע קאַנאָנען.

# באַלאַדע פון אַ שטיין

אַ שטיין איז געלעגן פאַרוואָרפן, פאַרשאַרט,
געשעצט אויף דער ערד האָט אים קיינער,
זיין גורל איז שווער, ווי געוויינלעך, און האַרט,
ווי ס'איז שוין דער שטייגער ביי שטיינער.

דער וואָלף גיט אַ וואָיע, דער לייב גיט אַ בריל,
ס'פערד הירזשעט, דער אָקס גיט אַ רעווע,
דאָס מינדעסטע פליגעלע זשומט אין דער שטיל,
ע ר שווייגט — ווייל ס'איז שווייגן זיין טבע.

דורך צייטן פאַרוואָקסן מיט מאָכן ווי קרעץ,
אַזוי זינט בראשית מסתמא,
אַז וואָלט אים דער בראָכשטאַנג דערלאַנגט כאָטש אַ זעץ
דעם קלאַנג זאָל ער הערן פון האַמער.

געקענט האָט ער זיין פאַר אַ הויז אַ יסוד,
פאַר טעמפּלען דער ווינקלשטיין גריילעך,
געקענט האָט ער זיין אַ מזבח פאַר גאָט,
צי טראָן־טרעפּ גאָר זיין פאַר אַ מלך.

געקענט האָט ער זיין ביי אַ פעסטונג אַ שוץ,
פאַר סטיכיע פון כוואַליעס דער צוימער,
נאָר ס'האָט אים נישט קיינער גענומען צום נוץ,
און גאָרנישט איז ער — אַ שטיק חומר.

אַ חזיר אַמאָל אין זיין סביבה פאַרקערט.
די זייטן אָן אים נעמט ער רייבן.
אַז ווי, די באַרירונג איז אים בלויז באַשערט, —
וועט זי אים די איינציקע בלייבן?

ניין, ס׳טרעפט אויך, אַ קראָ קומט צו פליען און שאַרף
זי שרייט און זי פּאַטשט אַלץ פאַרשייטער,
זי שטעלט זיך אויף אים און זי טוט וואָס זי דאַרף
און טראָגט זיך אָפּ. פליט אַוועק ווייטער.

עס שמייסט אים דער ווינט און דער שלאַקסרעגן שמיצט
און ס׳גליען אים זומער די חמימות,
און עלנט — אַזוי ווי אַ שטיין — ער פאַרזיצט
ביים וועג צווישן גראָזן און קי־מיסט.

ווער ווייסט, אָ, ווער ווייסט, צי דעם מינדעסטן ווערט
וועט עמעץ אין אים נאָך געפינען. — — —
און אָט איז אַ מאַן דאָרט פאַרביי אויף דער ערד
און ס׳מזל צום שטיין איז דערשינען.

דער מאַן איז אַ סקולפּטאָר געווען און באַרימט,
ער נעמט פון זיין עלנט אַרויס אים,
דער שטיין פאַרן האַמער און דלאָט איז באַשטימט,
מיט בענטשונג זיך לייגט זייער חותם.

ס׳באַדעקט אים די האַנט פונעם קינסטלער מיט גנאָד,
ס׳באַלעבט אים זיין אָטעם, זיין תנועה,
ס׳פאַרקריצט זיך אין פורעם און ס׳שניידט דורך די דלאָט
די וועגן פון רום — דער סטאַטוע.

פאַרקוקט אין דער אייביקייט האָט זיך איר בליק,
מיט שטרענגקייט זי שטראַלט און מיט גבורה,
דער מייסטער אַ ווײַלע טרעט אָפּ אויף צוריק,
די אויגן, פאַרקלערט, גיט אַ זשמורע,

זיי מאַכן זיך אים בין־השמשותדיק צו
אין לאַנגן און טיפן באַטראַכטן,
זיי זענען איצט נעסטן פאַרוואַקסן מיט רו,
וווּ ס׳דרימלט אַ וועלט מיט פאַרנאַכטן.

די אויגן האַלב צו, ווי ער וואָלט איצט אין זיי
געוואָלט זיין באַשאַפונג פאַרשליסן,
פאַרזיגלען אין האַרץ פון יצירה דעם ווײ,
פאַרמאַכן דעם תענוג דעם זיסן.

דעם שטיין הילט ער איין ווי אַ קינד אין אַ טוך,
ער קען זיך, דוכט, מער נישט פאַרגינען
באַקוקן זיין ווערק... און עס בלייבט ווי אַ שפּרוך
באַהאַלטן זיין סוד און זיין זינען... — —

עס שטייט די סטאַטוע אויף איר פּאַסטומענט,
פאַרקרייזט מיט אַנטציקונג און לויבן,
כאָטש אָפּגעהאַקט זענען שוין האַלב אירע הענט —
מען שעצט אירע מינדעסטע שטויבן.

אַזוי ווי אַ וואַסערפאַל, גליטשט זיך אַראָפּ
דאָס שטיינערנע קלייד פון איר נאַקן,
דורך תקופות די לאָרבערקרוין בליט אויף איר קאָפּ
און ס׳שמייכלען אין טרוים אירע באַקן.

זי קוקט צו דער צוקונפט פון שטרענגן מוזיי
אין אייביקער קינדהייט פֿאַרוווּנדערט,
כאָטש אָפּגעהאַקט, הויבט זיך איר אָרעם פון וויי,
צו גריסן אַ ווייטן יאָרהונדערט —

אַ גרוס פונעם שטיין פֿאַרן מייסטער און דאַנק —
צום עבר אַלץ ווענדט ער די בליקן —
אַ דאַנק דער גאונות, דער מי, דעם געדאַנק,
וואָס האָט אים געגעבן דעם תיקון.

# ביי אַ גרינעם באַסיין

דעם אָנדענק פון מיין מאַמען

אין אַ קראָם אויף בעלוויל, צווישן פֿעפֿער און כריין,
צווישן הערינג און ווורשט, ׳אין אַ גרינעם באַסיין,

צווישן ריחות פון בשמים און קרייטעכצער האַרב,
שווימט זיך אום אינעם וואַסער אַ מעכטיקער קאַרפּ.

צווישן ראָזשינקעס־מאַנדלען און פֿינטשעווער קעז
מיטן עק דרייט ער חכמהדיק, פלינק און גראַציעז.

ווייל זיין גאַנג אינעם קליינעם באַסיין איז פאַרשטעלט,
האָט ער פלוספעדערס שאַרף, ווי געווער, אָנגעשטעלט.

ס׳גלאַנצן שופּן אויף אים, ווי אַ פּאַנצער פון שפּאָט,
און די וואַנט גרייפט ער אָן — עלעהיי דאָן־קיכאָט.

נאָר ס׳איז יידיש און היימישלעך עפּעס זיין קוק,
ווי דערשווומען וואָלט ער פון דער ווייסל, צי בוג.

פונעם ניעמאַן, צי דווינע, פאַרבלאָנדזשעט פון ווייט,
און דערשווומען אַהער פון אַן אַנדערער צייט.

וויפל יאָר, וויפל וואַסערן איז ער אַדורך,
מיר צו ברענגען פון פרייטיק־צונאַכטס דעם גערוך;

דורך זיין שימער — דעם גלאַנץ פון געצוואָגענע קעפ
און די פייכטקייט פון מיידלש=פאַרפלאָכטענע צעפ.

אין זיין גלאַנץ פון די שופן אין גרינעם באַסיין
זע איך פינקלען אויף שמחות די בעכער מיט וויין,

ווען אויף פולמיסעקס טראָגט מען אים, ווי אויף אַ טראָן —
אים, דעם קעניג פון יידישע פיש, אויבנאָן,

ווו דער קוילעטש זיך פלעכט, ווי אַ דור אין אַ דור,
מיט אַ: „מערטשעם אַ ברית ביי דער יונגיטשקער פּאָר!“

דורך „לחיימס“ און „מזל=טובס“, טרערן, געזאַנג,
און געפּליעסק, ווינטשעוואַניעס און „קלעזמער, דערלאַנג!“

און געשלוכצן און העשען: „אוי, כלהשי, וויין“. — — —
אָ, ווו האָט עס פאַרטראָגן מיך איצט דער באַסיין?... — — —

און דער פיש וועקט מיך אויף מיט אַ פּאַטש און אַ שפּריץ.
ס'גיט זיין שופּענער פּאַנצער אין אויג מיר אַ בליץ.

און כ'דערזע פּלוצים, אַז אין זיין גלאַנץ איז פאַראַן
אויך מיין מאַמעס פאַרלאָשענע קופּערנע פאַן... — — —

כ'לאַך נישט מער פונעם קאַרפּ צווישן בשמים און כריין —
און מיין שמייכל פאַרשווימט אינעם מוטנעם באַסיין.

1955


Benn

# מיצקעוויטש אין פּאַריז



*O tymże dumać na paryskim bruku...*
(„פאַן טאַדעאוש“. עפּילאָג)

מאַט־בלייך איז דער הימל, ווי אַלט פּאָרצעליי פון אַנטיקן.
עס איילן זיך וואָלקנדלעך קיין מאָנמאָראַנסי* צו זוכן אַן אָפּלאָג, אַ תיקון.
זיי ציען אַזוי ווי אַ טשאַטע באַטשאַנעס אַוועק אין אַ סגל.
צי זענען זיי איצטער מיט מיר אפשר אויך עולה־רגל
צום אוראַלטן שטעטל, וווּ כ'קום ווי אַ היכל באַטרעטן
די שוועל פון אַ הויז, וווּ ס'פאַרצוימען, פאַרהיטן שטאַכעטן
דעם שם פון אַ מאַן, אַ פראַנצויזישן גאון אַ ווייטן ?
כאָטש ס'איז שוין ראָסטעט — אים לאָזט עס אַ גאַנצן, באַנייטן...
צום שטעטל אויך קום איך אין ערפורכט אַ ווייל זיך פאַרהאַלטן
ביים שטויביקן שטיין פון אַ קבר אַ הונדערט־יאָר־אַלטן,
וווּ פוילנס פאַרוואָגלטער טרוימער גענידערט האָט דאָרטן,
זיין ארון — גענענט ווי אַ שיף צו אַן אייביקן באָרטן,
ווען מ'האָט אים אין שאָטן און חסד פון דעמב און פון טאָפּאָל
געבראַכט אין זיין לעצטער נסיעה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.
די ערד דאָ געווען איז אַ וואַרעמע מוטער־שויס ביידן,
מיט זאַפטן פון פריינטשאַפט באַהעפט זייער שטאָם, נישט צום שיידן.
באַשענקט האָט זי איינעם מיט רו פון אַ דאַך ביי זיין לעבן,
דעם צווייטן באַווייליקט די רו פון אַ קרקע צו געבן...

---

* אַ שטעטל לעבן פאַריז, וווּ אין פאָריקן יאָרהונדערט האָט געלעבט אַ גרויסער טייל פון דער פוילישער עמיגראַציע און וווּ מיצקעוויטש איז געקומען צו קבורה, פון וואַנען מען האָט אים שפּעטער איבערגעפירט קיין קראָקע.

רוסאָ און מיצקעוויטש... צווײ דעמבעס בשכנות דאָרט שטייען,
כאָטש איינער פאַרוואָרצלט אין סלאַווישן פעלד אונטער שנייען.
דער שטורעם האָט זייערע קרוינען געקעמט און געשויבערט.
מיט זיינע ניגונים פון אומרו פאַרוויגט זיי, פאַרצויבערט,
און זייער געצווייג צו איינאַנדער געשליידערט, געבויגן,
כאָטש איינער זיין שורש האָט ערגעץ פון שוויטעזש געצויגן.
און ס'רייסן זיך זיינע געזאַנגען ווי אָדלערס פון שטייגן;
זיי האָבן די פעלקער געאָרעמט, ווי זייערע צווייגן.

ס'איז פרי־האַרבסט און ס'פאַלט שוין דאָס בלעטערוואַרג אין מאָנמאָראַנסי,
ווי מיט אַ יאָרהונדערט צוריק אונטער רעדער־סקריפּ פון דיליזשאַנסן.
עס דאַרן און געלן, געבויגן פון יאָרן, די אַלטע קאַשטאַנען.
ווי דינער אין שטרענגע ליווריען זיי פירן אַוועק מיך פון דאַנען
צום אָרט, וווּ איך טרעף נאָך פון איינעם דאָס בעט און דאָס קבר פון צווייטן.
איך לאָז מיך אַוועק מיט שיפּועים, אַרויף מיט אַ וועג אַ פאַרדרייטן,
איך קלעטער אַלץ העכער צום שפּיציקן קלויסטער דעם אַלטן,
וווּ פּוילישער רום פון אַמאָל אין די ווענט איז באַהאַלטן,
אין בלענד פון וויטראַזשן, געפּלאַצטע פון זוניקע שפּיזן,
און נעסטעט באַנאַנד מיט דער טויב אינעם שפּאַלט פון קאַרניזן...

אַרויף־צו דאָרט — מאָגערע יאָדלעס אַ ריי, ווי סקעלעטן פון הערינג,
וואָס ברייטער די רחבות, אַלץ בולטער טויכן זיי אויף אין מיין זע־רינג,
זיי נידערן שטיל אינעם בלוילעכן נעפּל אַראָפּ, ווי אַ מחנה פּילגרימען,
די פּאַלעס אין ווינט און די לענדן אין שטריק און אין רימען.

מיר דאַכט זיך, זיי טראָגן מיצקעוויטשעס ארון אַהערצו צום טויער.
די פּעסט אויף זיין גייסט האָט פאַרלוירן איר שליטה, איר לויער.
פּאַרוים, ווי אַ פּינגווין — אין ווייס און אין שוואַרץ — גייט דער בישאָף,
און ס'גייט־נאָך, געבויגן אין צער. מאָנמאָראַנסי — דער פּוילישער ישוב...
דאָס שווערלעכע קירך־טויער עפן איך אויף ווי אַ פּנקס אַן אַלטן,
ס'געדעכעניש זיינס דאָ צו זוכן אין שטויב פון די שלאַכטע־געשטאַלטן.
די פירשטן און קריגסלייט, מיט שטיינערנער שווערד ביי די לענדן,
וווּ ס'איז נישט איר גלאַנץ ביכולת זיין רום צו פאַרבלענדן.
אין טונקעלע פאַרכטיקע נישעס, אין גליווערניש פון סאַרקאָפאַגן
איך וועל זייער ר׳, זייער יחוס צוקאָפּנס, נישט אָנרירן וואַגן;
מיר טראָגט גאָר דער מירמלנער טאָוול פון מויער אַנטקעגן
זיין נאָמען, אַזוי ווי אַ טאַץ מיט אַ קאָסטבאַרן שטיין, אַ פאַרמעגן.
דער מאַרמאָר איז איידל און בלייך, ווי געביינען אַנטפּליישטע.
און ס'בליאַקען און צאַנקען די אותיות די גאָלדן־געליישטע —
פון הונדערט־יאָר־אַלטער מודעה, אַז ס'האָט די פאַראַפּיע אַ מעסע
פאַרפאַסט און געהייליקט פאַר אים, אַז מען זאָל נישט זיין אָנדענק פאַרגעסן...
אַ פויגל, פאַרבלאָנדזשעט, שלאָגט־אָן אין וויטראַזשן זיך אויבן
און צאַפּלט, ווי אָפּגעבריט וואָלט אים דער פלאַם פון די שויבן.
מיר דאַכט, ווי דאָס וואָלט זיך געריסן אַזוי די נשמה פון דיכטער
צום דרויסן — אַוועק פון די שאַרפע פאַרלאָקערדיק־פאַרביקע ליכטער.
איך עפן־אויף האַסטיק פאַר מיר, און פאַר אים אויך, דאָס טויער —
פיר, פויגל, מיך ווייטער אַוועק אויפן וועג פון זיין דויער.

*

דאָס קליינע בית־עולם איז אַלט און פאַרזונקען אין גראָז,
ס'קומט קיינער נישט שטערן זיין רו. אין דער שטילקייט פאַרלאָזן.

אין שטיינערנע קברים פאַרזאַמלט זיך האָבן ווי צו אַ מסיבה
געזינטן, אי זיידעס, אי אייניקלעך, אייגענע, היימישע, ליבע.
געשלאָסן דער קרייז. מיטן אויבן קיין בונד האָט מער קיינער,
נישטאָ וועך ס׳זאָל לייגן אַ בלימל, צי אָפּשטויבן, פלעגן די שטיינער.
עס בייגן מצבות זיך צו, ווי פאַרטרויענדיק זיך מיט געפּליסטער,
ווי וואָלטן דערציילט זיך מיט חידוש פון מיר, דעם פאַרבלאָנקעטן נסתר.
עס קומען אַראָפּ פון זיי פוילישע דורות און נעמען,
דער רינג שפּרייט זיך אויס, ווי צו זיך וואָלט ער וועלן מיך נעמען.
איך דאַרף נאָך איין נאָמען געפינען, כ׳גיי ווייטער פון דאַנען,
איך טרעט איבער בלעטערוואַרג הויפנס, וואָס יאָרן־לאַנג וויאַנען,
ווי אויסגעלייגט וואָלטן בכיוון די האַרבסטן אַ טעפּיך אַ ווייכן,
וואָס איינזאַפּן זאָל יעדן שאָרך, אַז ער זאָל צו דער שטילקייט נישט גרייכן.
כ׳זאָל דאָ נישט פאַרזינקען אין גרינלעכן תהום — טראָגט ער האַסטיק
מיך צו צו דעם אוהל, וווּ ס׳רוט די מיצקעוויטש־דינאַסטיע,
דאָ, אונטערן שטיין און דעם גנעדיקן, בלוילעכן צודעק,
ווי צו אַ משפּחה־אַסיפה פאַרקליבן זיך אין נאָוואָגרודעק.
כאָטש לאַנג שוין אַוועק איז דער ראש צו דער שטאָמערד פון קראָקע —
ס׳האַלט־אָן די אסיפה פון קרובים די לאַנגע, אָן שטער, אָן הפסקה.
פון בוים לעבן קבר אַ צווייגל האָט זיך אָפּגעריסן,
און אָנגעקלאַפּט האָט עס אין דעק, ווי פון מיר וואָלט עס געבן צו וויסן. —
קלאַפּ, צווייגעלע, אָן, זיי מודיע: געקומען אַהער דאָ איז איינער
אַן אָפּשטאַמער פון יענער ערד, וווּ אַוועק זענען רוען די ביינער
פון ראש פונעם קרייז, וואָס פאַר איר נישט גערוט האָט זיין שטערבן
און וואָס איבער לענדער געוואָגלט פאַר איר האָט זיין לעבן.
עס שטרעקט זיך זיין טויטן־געזיכט פונעם שטיין, ווי געפאַנגען;
אַזוי ווי אַ טענה און קלאָג, ווי געשמידטע פאַרלאַנגען;
ווי ס׳וואָלט איצט אין אַנגסט און אין מידקייט געבעטן זיך עפּעס
דער וואַנדערער פון טשאַטערדאַג און פון אַקערמאַנס סטעפּעס —

אפּאָסטאָל פון פרייהייט און שיין פאַר דער ערד פון די סלאַוון,
וואָס אומעטום האָט ער געלאָזט זיינע פוסטריט, ווי הייליקע כתבן.
פון וואַנדערשאַפט לעצטער פאַרמאַטערט, דאָס פנים, פאַרקרימט פון יסורים,
שטאַרט פון מעדאַליאָן פונעם שטיין, ווי פאַרשלאָסן, פאַרשפאַרט אין אַ טורעם.
זיין לאָקן־ראָם רייסט זיך פון קאָפּ, ווי אַ פלאָם אַ פאַרשטיקטער,
און ס׳רוט אויפן שטערן לייטזעליק אַ טרוים אַ באַגליקטער. — —

כ׳פאַרלאָז דאָס בית־עולם. ס׳באַגלייט מיך ס׳געזיכט זיינס צום טויער,
וווּ אַפּטרייסלען וויל איך די קבֿרים־ערד און פונעם האַרצן דעם טרויער.
איך וועל אין פּאַריז, ווי אַ פאָדעם אין ריזיקן טוך, אים פאַרוועבן,
אַריין אין דער שטאָט וועל איך ווי אין אַ יום־טובֿ־קלייד — און אין זיין לעבן.

*

אַ נעפּל הענגט איבער דער סען, די פאַרצייטישע טורעמס און בריקן,
ווי דורכזיכטיק־בלוילעכער טיול איבער קאָסטבאַרע חפצים, אַנטיקן;
מען זאָל מיט קיין האַנט זיי נישט אָנרירן — היטן די איידעלע נעצן.
דאָ האָט פאַר פּאַריז אויסגעפיקט זיך איר אורקנאָספּ — לוטעציאַ.
זיך אָפּגעשטעלט האָבן אַמאָל ביי די ברעגן די אבֿות — די גאַליער,
גענומען דעם טייך פאַר אַ סימן, די גרינלעך־געשליפענע כוואַליע,
דעם שטעקן געלאָזט — און געשלאָגן געצעלטן און שטיבער.
און ער האָט געוווינט דאָ — דערפאַר ביסטו, שטאָט, מיר נאָך ליבער.
נאָך גרויסט זיך עד־היום די טייך־געגנט מיט איר באַוווינער,
ס׳רעדט גערן דער קרעמער פון אים, כאָטש איך בין נישט זיין קונה,
דער דורכגייער יחוסט זיך, גרייט איז אַ שבֿח אים צו זאָגן,

מיך פֿירן צום הויז פֿון זיין ווינשאַפֿט, דורך דורכגענג און ראָגן,
דער בוכהענדלער, צי אַנטיקוואַר אין די קבֿרדיק-פֿינצטערע קראָמען,
די פּייקע פֿון מויל ציט אַרויס און נעמט לויבן זיין נאָמען —
פֿאַרשטעקט צווישן גילדענע ראַמען, פֿאַרזשאַווערטע שווערדן און שפּיזן,
געשפּענסטיקע הירשן-קעפּ, מאַסקעס, צילינדערס און רעק פֿון מאַרקיזן,
פּאַרוקן און בראָנזענע לאָמפּן, אַלטמאָדישע פּעכערס פֿון דאַמען
און טיכעלעך, וווּ ס'האָט די ליבע געהיים אויסגעהעפֿט מאָנאָגראַמען.
מיין בליק ווערט פֿאַרזונקען אין שמות, אין שטריכן פֿון אַלטע גראַווירן,
ווי כ'וואָלט דאָרט געפֿונען אין זיי, אינעם שטויב, זיינע שפּורן.

אָט דאָ איז דאָס הויז, וואָס האָט איינמאָל באַדעקט זיך מיט ערע —
באַדעקט זיך מיט מירמלנער פּלאַטע, באַשלאָגן מיט שטערן, —
פֿאַרנאָפּלט זאָל זיין צו פּאַריז זיין געדעכעניש תּמיד,
אַז לייכטן פֿון גאָרן אַראָפּ און פֿון גינגאָלד זאָל אייביק זיין נאָמען.
אָט דאָס איז די מויער, וואָס טראָגט ווי די האַנטפֿלאַך פֿון משהן
די לוחות — זיין טאָוול אין גאַסן-האַרמידער, אין מסחר-גערוישן.
דאָ פֿלעגט אויף דער גאַס אַ באַרוטער זיין שאָטן זיך לייגן
און בענטשן די ערד, וווּ די פֿרעמד איז געוואָרן אים אייגן,
וואָס שפּרייט זיך אויס מילד פֿאַרן שטערן-שיט פֿון זיינע גראַמען.
ער שטייט צווישן איר און זיין לאַנד, ווי אַ קינד צווישן טאַטן און מאַמען...
פֿאַרשטעלט איז דאָס טויער מיט בלומען און בלומיקע קרויטן,
מיט אַרבעס, וואָס שורותווייז זיצן פֿאַרשטעקט אין די שויטן,
מיט בלוילעכער פּלושענער פֿלוים און מיט קאָוון רויט-פֿלאַמיק-צעגליטן —
ס'איז וואָך לעבן הויז און איך קום אים גוט-יום-טובֿ צו ביטן.
שטעל אָפּ דאָרטן, קרעמער, די וואָגשאָל און קלאַנג פֿון די קופּערנע פֿראַנקן,
לאָז שטיל מיך דעם אָטעם פֿאַרהאַלטן און אין די געדאַנקען אים דאַנקען.
אָט דאָ, זע איך, האָט ער געשפּאַנט אויף די שטיינער, דאָ טירן געעפֿנט,
קען זיין, אַז דאָ וועל איך דעם פּלאַטער פֿון זיינעם אַ מלבוש נאָך טרעפֿן.

דאָ, ביי אַ פֿאַרלאָשענעם אַלטן קאַמין פֿלעגט ער זיצן
אין קרייז פֿון זיין טרוים, מיט די לייט פֿון זיין ליד — די סאָפּליצעס,
דאָס הימלאַנד באַשריבן, באַמאָלט — ווייל געבענקט דערנאָך האָט ער,
אין מיט פֿון די לאַנדסלייט, די תושבים, געזעסן איז ער ווי אַ פֿאָטער.
מען שטויסט זיך אַרום אים, און ווער איז דען דאָרט נישט פֿאַראַן איצט ? —
געקומען איז ערשט פֿון מרחקים טאַדעאוש דער יונגיטשקער פּאַניטש,
מיט הירשענעם שטוין, אַ פֿאַרבענקטער, ווי ער — נאָך זאָאָשע,*
און שטיל, ווי אַ הינדל נאָך יאָגן זי, זעצט זיך צו זאָשע;
עס פּלוידערט פֿון יאַגד און פֿון גבורה די יורדישע שלאַכטע,
און צווישן די היימישע שאָטנס, די לאַנג־אויסגעדאַכטע,
רייסט־דורך פֿון ווייסרוסישע וועלדער דער שאַל פֿונעם האָרן,
נאָר העכער דער צימבל פֿון יאַנקלען צעטראָגט זיך מיט צאָרן,
ס'גייט־אויף אַזאַ אַלטער, פֿאַרשטיקטער געברום פֿון די סטרונעס
צום שטילן, פֿאַרגלייכן מחלוקת, צעקריגטע אמונות,
זיי זענען ווי איידלסטע פֿעדעם — צום צונייען ווונדן,
וואָס וואָלטן צעריסענע הויט, צו געגעזונג, פֿאַרבונדן.
אויף יענער זייט טויער ביים צונטערן קאַוועגעם פֿלאַקער
האָט, דוכט מיר, זיך אָפּגעשטעלט איצט אַ צעהוידעטער פּיאַקער.
אַ מאַנצביל שטייגט אויס און האַלט־אונטער מיט פֿאָרזיכט און ציטער
אַ פֿרוי, ווי זי וואָלט זיך צעברעכן געקענט און צעפֿאַלן אויף שפּליטער.
ס'צעשפּרייט זיך דער רונד פֿון איר קלייד, ווי אַ בלומיקער בעכער,
און ווי אַ צעלאָזענער פֿאַווע־עק וויגט זיך איר פֿעכער.
אַ גאַסט איז צום דיכטער געקומען, אַ ליבער, אַן אייגענער — שאָפּען,
און ביז פֿונעם ליכט וועט נאָך שמעלצן איין חלבנער טראָפּן,
די פּיאַנאָ — אַ שיפֿל אין קלאַנגען פֿון נאָקטורנס און פּאָלאָנעזן,
וועט שווימען אין כוואַליקן לאַנדיש און היימישע בעזן.

---

* דאָס דאָרף, וווּ מיצקעוויטש איז געבוירן געוואָרן.

איצט גיבן מיט בענקשאַפט אַ יאָג פון קלאַווישן די טענער
מיט פאַרביקע סטענגעס פון מוידן, ווי פעדערן־עקן פון הענער,
פאַרוויקלען מיין האַלדז און פאַרדרייען מיך ווי מיט גירלאַנדעס,
אַז שווער איז אַרויספּלאָנטן זיך און מיך ווייטער צו לאָזן אין וואַנדער...

*

און דאָך שפּאַן איך ווידער אַריין אין אַ טאָג פונעם דיכטערס יאָרהונדערט.
איך האָב פון די טעג מיינע און פון מיין היינט זיך אויפסניי אָפּגעזונדערט.
איך האָב אים באַגלייט, ווען ער איז אין אַ זייטיקער גאַס אָנגעקומען.
אין שקיעה געהילט, האָט ער זיך אין אַ טונקעלן טויער פאַרנומען.
ס'איז תשעה־באָב דעמאָלט געווען און טרויער דאָרט, אין סינאַגאָגע,
אַרויף צו דער בימה איז ער דורך דער עדה מתפּללים־קלאָגערס.
פאַרזונקען געווען זענען ייִדן אין עצבֿות פון איכה און שלומער.
אויף יענער זייט וואַנט האָט געשטיקט דער צעפּאַרעטער זומער,
געשמעקט מיט גרינטענער מילך און צעגאַנגענער פּוטער,
מיט היימישער פליגן־נגינה און פּערסיקעס רייפע און גוטע,
ביי שוועלן די הינט האָבן ריטמיש געפּרייכט און געסאָפּעט,
פאַר חמימה קיין אויג נישט געצוקט, נישט גערירט מיט קיין לאַפּע.
די אַלטיטשקע וועכטערינס זענען ביי הייזער געזעסן,
דעם זאַק אין געשטריקעכץ פאַר מידקייט אין שויסן פאַרגעסן.
אין ווינקלען פון שול האָבן שוואַלבן גענעסטיקט און שפּינען —
די שונאים און פריינט פון בית־מקדש, גאָטס הייליקן בנין. —
ווייל ווען ס'איז געשטאַנען ס'בית־מקדש אין העלישע פלאַמען
די שפּין האָט נאָך פייער געברענגט מיט די צינדער צוזאַמען;
דאַקעגן די שוואַלב, זי האָט וואַסער געטראָגן צום לעשן גאָטס בנין —
דערפאַר האָט זי ליב נאָר אין שולן אַ תיקון און נעסט צו געפינען...

די שקיעה קען מער נישט צום גלאַנץ פון די מעשענע לייכטער דערגרייכן,
עס זיצן די יידן פאַרשרומפּן, פאַרזונקען אין קלאָג־ליד פון איכה,
עס טראָגט זיך מיט יאָמער, מיט שבעה און שוויים פון די זאַקן,
און אַט איז די תשעה־באב־עדה געבליבן געפּלעפט און דערשראָקן —
ווער איז ער, דער פרעמדער, וואָס איז אין דער שול איצט געקומען ?
ער רופט זיי אָן „ברידער !" און ער אַליין איז פון אַן אַנדערער אומה...
צום עלטערן שטאָם פון ישראל ער וויל איצטער נייגן זיין שטערן,
דעם נאָענטן שאַרף פונעם אָנקום משיחס ער לאָזט זיי צו הערן. —
עס שטוינען געזיכטער און בערד און ס'באַוועגן זיך טונקעלע רוקנס
און שאַטנס, פאַרוועבט אין דער דעמערונג, נעמען צעגיין זיך, צערוקן.
און ס'שוועבן די שוואַלבן פון באַלקן און ווינקלען אַראָפּ צו דער בימה
און קרייזן אַרום זיינע אַקסלען, זיין קאָפּ — אים צו לויבן און רימען...
פון שול אַרויס האָב איך צום ראַנד פון מיין היינט זיך דערשלאָגן,
מיר דאַכט ווי עס וואָלט יענער שוואַלבן־געפלאַטער מיך איצטער געטראָגן.

*

ס'איז האַרבסטיק. אין גאַס־ווינקלען ביי די קאַפּעען שוין בראָט מען קאַשטאַנעז,
עס טראָגט זיך דער ליבער גערוך ווי פון היימישע פאַנען,
עס שלאָגט מיט געזאַלצנס, מיט ים־ווינטן שאַרפע, צעברויזטע —
ביי שטעלעס, ווי שקעטעלעך צירונג שוין עפנט מען אויסטערס,
עס שיינט פון זיי ווי מיט בלוי־גרינעם שמאַראַגד און סאַפּירן.
אַ הויך, ווי אַ פאַרהאַנג, פאַרציט שוין די גלעזערנע טירן.
איך שטיי אין דער קאַפּע ביים טומבאַנק, ביים קופּערנעם בויגן,
אין טומל פון טרינקערס פאַרמאַך איך אַ ווײַלע די אויגן :

דער מאַן, דוכט זיך מיר, וואָס די גלעזער צעווישט מיט דעם פאַרטעך,
איז יאַנקל דאָך! יאַנקל דער בורר—בר־דעת מיין געגאַרטער.
דאָס נעאָן־ליכט אונטערן באַלקן — גרין־בלויע און ראָזעווע פּאַסן —
ס'האָט נאָר־וואָס דער קרעטשמער הבדלה געמאַכט מיט כוונה, געלאַסן.
באַלד וועט ער די חשובע געסט מיט משקאות דערקוויקן
|און וועט מיטן ליד פון זיין צימבל דעם עולם באַגליקן.
ווער הערט אים אין טומל? — קיין קלאַנג זאָל נישט ווערן פאַרגעסן,
וויל איך דאָס געזאַנג זיינס פאַר דורות אין הארצן פאַרפרעסן,
עס זאָל ווי אַ וויין באַרוישטער אין בלוט מיינעם קאָכן —
איך ירשן זיין צימבל, אַז ער זאָל נישט ווערן צעבראָכן.
איך האַלט אים מיט זיך און אין אומרו מיר וואַנדלען איצטביידע.
וווהין? — דאָ נישט וויט איז די אַלטע סאַרבאַנע־געביידע —
קלינגט אָפּ אפשר דאָרט פון די ווענט נאָך דאָס קול פונעם שעפער?
דער צימבל זאָל דאָרט מיט זיין גילדענע לירע זיך טרעפן.
פאַרברידערן וועלן זיי ביידע דעם שטאַם און דעם יחוס,
און ווי ער פלעגט טרוימען — אַוועק אונטער דאָרפישע סטריכעס,
צוזאַמען אַוועקלאָזן זיך אונטער אָפּדעכער פּראָסטע,
ווי ער האָט אין וועג אַריין איינמאָל פון דאַנען געלאָזט זיך,
און ס'האָט מיט די בענק און דעם פּולט זיך געזעגנט דער לערער
און אָפּשייד גענומען פון זיינע תלמידים, די הערער,
אין איילעניש אויסגעטאָן האָט ער די חשובע טאָגע
כדי צו פאַרבייטן זי אויף דער הלבשה פון וואָגל.
דעם קאָפּ אין די וואָלקנס, דעם שטאָק אין דער האַנט — נעמט ער ציען
אַהין, וווּ עס רופט אים דאָס קראַכן פון אייזיקע קריעס,
וווּ ס'רופן אים מערץ־ווינטן פרייע מיט צאַרן־געוואַלדן,
וווּ ס'פלאַטערט זיין אָטעם אין גאולהדיק־פּאַניקע פאַלדן...

*

אונ דאָ, ווו די סען שפּיגלט אָפּ אַ פּאַרשלאָסענעם מויער,
כ׳בלייב שטיין פֿאַר אַ סימן, אַ שפּור פֿון זיין אייביקן דויער —
זיין שרייבטיש, אין שאָטנס פֿאַרהילט, ווי עס וואָלטן געשטאַלטן
אַרוים פֿון זיין ליד און פֿון ווינקלען — זיך קלאַמערן אָן אים און האַלטן.
פֿון שטול, וואָס איז זינט אַ יאָרהונדערט פֿון קיינעם באַזעסן,
אַוועק איז ער, דוכט, אויף אַ רגע, פֿאַרזאַמט זיך, פֿאַרגעסן.
און שטרענג הינטער שויבן פֿאַרמאַכט — אין פֿאַריז אַ באַזעצטע —
רוט אָפּ אויף כּתבֿ־ידן זיין געגדזענע פּענע די לעצטע.
אָט דוכט, ווי אַ פּייל, וואָס זי האָט אין איר ענדציל געטראָפֿן,
אָט — ווי אַ געפֿאַלענער אָדלער, וואָס איז אויף אַ ווייל איינגעשלאָפֿן.
נאָר אויפֿכאַפּן וועט ער זיך באַלד פֿון זיין וווּנד, און פֿאַרמעסטן
זיך אויפֿהויבן ווידער צום וווּנדער־פֿלי זיינעם דעם גרעסטן,
באַטרונקען מיט בלויקייט זיך טראָגן וועט ער צו די הייכן,
צום לופֿטיקן הענג־בעט פֿון וואָלקן־פּוך זויבערן, ווייכן,
ביז ווייט אינעם חלל פֿון אים וועט אַ פּינטעלע בלייבן
און ווו מיט אַ פֿליגל אין אין־סוף וועט ער זיין נסיעה פֿאַרשרייבן.

1955

ישראל

# ווען די שיף גייט אָפּ...

ווען די שיף גייט אָפּ  עפּעם רייסט זיך אָפּ ביים מענטש אין האַרצן
עפּעם רייסט זיך אָפּ, ווי זי אַליין רייסט אָפּ זיך פונעם האַפן,
ווען מען בינדט זי אָפּ פון סאַמע לעצטן שטריק, וואָס האַלט זי
צוגעבונדן און באַהאַפטן צו דער זיכערער און פעסטער ערד,
ווי די נאָפּל־שנור בינדט אָפּ דאָס לעבן פון דער מוטערטראַכט
און לאָזט עס אָפּ אַליין, אויף אייגן אויסקום אין דער ברייטער וועלט, דער גרויסער.
עלנט ווערט דער מענטש, פאַרלוירן, קליין און הילפלאָז, ווען די שיף גייט אָפּ,
ווי אַ קינד, וואָס מ'האָט צום ערשטן מאָל עס אָפּגעלאָזט צום גיין, אָן יעדן צוהאַלט.
די אימה דרינגט אַריין אין אים, ווי וואַסער אין אַ טרינקענדיקן,
ווען ער דערזעט ווי איינגעשרומפּענער און קלענער ווערט אַלץ די יבשה.
אוי וויי, די אַלטע, היימישע און נאָענטע ערד,
וווּ אויפגעגאַנגען איז דער מענטש מיט זיינע טריט די סאַמע ערשטע,
וווּ יאָרן־לאַנג האָט ער אין לענג און ברייט אַרומגעשפּאַנט,
די ליבע ערד, וואָס ער האָט פון איר זאַמד נאָך ברויט געקנאָטן
און דערנאָך דאָס אמתע, געשמאַקע ברויט פון איר געגעסן,
די ליבע ערד, זי רוקט זיך אָן רחמנות איצט אַפּער פון אים,
ווי ס'רוקט אַפּער זיך ס'בענקעלע פון אונטער דעם געהאָנגענעם...
די נאָז פון שיף שניידט־דורך דעם שטראָם, ווי קאַלטן גרינעם גליווער,
און טרייבערט־אויף אכזריותדיק זיין הויט, ווי מיט אַ חלף.
דער ים ווערט ברייטער, גרעסער און די ערד אַלץ קלענער, קלענער,
און וווייט, ביים ראַנד, וווּ ס'עפנט זיך דער האָריזאָנט פון ים און הימל,
נאָך זעט זיך אָן קוים־קוים אַ פּאַסיקל אַ שמאָלס פון דער יבשה,
ווי אין אַן אויפגעמאַכטן פּיסק אַ לעצט כזית פון אַ שוין פאַרצוקטן קרבן...

דעם מענטש ווערט דעמאָלט נאָענט און אייגן יעדעס ברעט פון דעק,
ווי ס'וואָלט דערפון געשמעקט מיט דעם געהילץ נאָך פון זיין וויגל,
און ס'ווערט אים יעדעס שטיקל בלעך און ניקל טייערער פון צירונג,
און אַלץ, און אַלץ, וואָס קומט אַרויס פון דאָרטן, פון דער ערד.
דאָס איז זיין היים, כאָטש אונטער זיינע פיס דער באָדן ציטערט.
דאָס איז זיין שווימענדיקע וויג, געשליידערט אויפן ווינט און גורל,
ווי משהס קעסטעלע, געוואָרפן אויף די כוואַליעס פונעם נילוס.
און דעמאָלט לאָזט ער הוידען זיך פון שטראָם און פון מחשבות,
אויף זיין געלעגער איינגעדרייט און איינגעקורטשעט, ווי אַ רעטונגס־בייגל.
און דורך זיין רונדיקן קאַיוטע־פענצטערל, ווי דורך אַ ים־לאָרנעטע,
קוקט ער שעהן־לאַנג אין גרויען נעפּל שוין אַרויס
אויף דעם נייעם ברעג דעם גילדענעם, דעם לאַנג שוין אויסגעבענקטן,
ווי ער וואָלט זיין די ליבע שוועל די היימישע פון טאַטע־מאַמע.

## עס טראָגט אויפן ים זיך אַוועק...

עס טראָגט אויפן ים זיך אַוועק
געשאַל און געברום ווי באַנומען —
די שיף האָט פאַרלאָזן דעם ברעג,
די שיף האָט שוין אָפּשייד גענומען.

פאַרלאָזן די ערד שוין, דעם פּאָרט,
דעם אָנפאַל פון פּעק און פון קאַסטנס,
ווו צונגעשפּאַרט האָט זי זיך דאָרט
און אָפּגערוט ווי אין אַ גאַסטהויז.

פאַרשטשעמעט מיט לעצטן באַגאַזש,
ווי פאַנג אינעם פּיסק, יעדע ווײַלע
געקרייזט האָט דער הויבער אין רעש
און אָפּגעשטעקט אים ווי אַ גזלה.

איצט יאָמערט די שיף אַזוי באַנג —
זאָל זיין ס׳איז געקלאָג פון צעשיידונג ?
איך זוך אין מיין הארצן דעם קלאַנג,
וואָס זאָל מיר דעם יאָמער באַשיידן.

מיר דוכט ווי אַן עדה, פאַרשטיקט,
וואָלט אונטערן חלף געשריגן;
אַ תפילה פון רחמים געשיקט
און נאָכדעם אַן רעטונג אַנטשוויגן.

און שטיל ווערט דער אָפּשייד־לאַמענט,
נאָר לאָזט אַזאַ בענקשאַפֿט מיר איבער,
כ׳שטרעק־אויס צו דער ווייט מײַנע הענט,
איך וואָלט יעדע צוים איצט אַריבער.

נאָר אָט פֿאַלט אַרײַן אינעם תּהום
מײַן בליק, ווי אַ שטיינדל אין אומענד —
צי וויל אין גערווירבל פֿון שטראָם
מײַן בענקשאַפֿט פֿאַרגיין דאָרט, אַנטקומען?

זי טוקט זיך, שווימט ווידער אַרויף,
זי גובר זײַן וועל איך נישט סײַ־ווי,
און כ׳הער, פֿון דער טיפֿקייט זידט־אויף
די טרער פֿון יהודה הלוי.

פֿאַרגאָסן האָט ער זי אַמאָל
אין ים דאָ, אין ברויז און געראַנגל,
געהערט כ׳האָב פֿון ווײַטן זײַן קול,
נאָר ס׳איז צו מײַן ליד נישט דערגאַנגען.

זײַן טרער האָט מיך איצטער דערגרייכט,
ווי ס׳קול זײַנס געוואָלט האָט מיך גרייכן.
אין אויג מײַנס זי פֿינקלט און לײַכט,
מײַן ים־וועג דורך איר איז געצייכנט.

כ׳שטיי לאַנג נאָך גענייגט בײַם פּאַרענטש.
די רחבֿות איז לויטער און אָפֿן,
דעם זיכערן שיף־גאַנג איך בענטש —
אַ, פֿיר מיך צום האַפֿן פֿון האָפֿן.

## די ערד ווערט אַלץ ווייטער...

די ערד ווערט אַלץ ווייטער און דו ווערסט מיר נענטער,
ביז איינער אין צווייטן צו קענען פאַרגיין.
עס הילן די נעפּלען אונדז איין ווי געווענטער,
אַרויס ביסטו ערשט פון מיין ריפּ, מיין געביין,
איך זאָל דאָ אין אין־סוף נישט בלייבן אַליין. —
די ערד הוערט אַלץ ווייטער און דו הוערסט מיר נענטער.

דער מאַסט פון דער שיף הויבט זיך אויף ווי אַ שופר,
מיט שטאָלץ, ווי ער וואָלט די גאולה געבראַכט,
דאָס טרייב־ראָד שלאָגט האַסטיק און זיכער אָן אויפהער,
ווי ס'שלאָגן פון דופק בייטאָג און ביינאַכט,
דאָס גליק אונדזערס ווערט דורך דער גבורה באַוואַכט. —
דער מאַסט פון דער שיף הויבט זיך אויף ווי אַ שופר.

עס אַרט מיך נישט מער וואָס די ערד איז פאַרשווונדן,
אַז דו ביסט, מיין ליבע, פאַראַן ביי מיין זייט.
אַ טשאַטע פון מעוועס — די ים־וואַגאַבונדן —
קרייזט־אום און פון פרייד צי פון הונגער זי שרייט,
אַ סימן, יבשה איז ערגעץ נישט ווייט. —
עס אַרט מיך נישט מער וואָס די ערד איז פאַרשווונדן.

ס'שוועבט=אום נאָך פאַר אונדז בלויז איין=איינציקע מעווע,
מאַכט אַלערליי תנועות און חנדלט זיך פיין,
זי טונקט=איין אַ פליגל אין ים, לויט איר טבע,
דעם צווייטן — אין זון=אונטערגאַנג טונקט זי איין,
בנעימות, אַזוי ווי אַ פינגער אין וויין. —
ס'שוועבט=אום נאָך פאַר אונדז בלויז איין=איינציקע מעווע.

אַריינוואַרפן לאָמיר אין ים=פלוס דעם ראַשן
די זאָרג און די האַרבקייט פון ספקות באַגלייך,
ווי אונדזערע זיידעס די זינד פון די טאַשן
אַריינוואַרפן פלעגן אין היימישן טייך.
די פיין פון מיין בליק מיט דיין האַנטפלאַך פאַרשטרייך —
אַריינוואַרפן לאָמיר אין ים=פלוס דעם ראַשן.

מיר האָבן פאַרטרויט זיך דעם פאָך פון די ווינטן,
מיר טרינקען די שקיעה ווי מעד פון בורשטין,
מיר האָבן געלאָזט דעם געליאַרעם פון הינטן.
די רו פאַלט אויף אונדז, ווי דער טוי אין באַגין;
אַזוי ווי דעם צאַרטן געשאָרך פון מושלין —
מיר האָבן פאַרטרויט זיך דעם פאָך פון די ווינטן.

# ע ו ל י ם

זיי טויכן אַלץ אויף צו מיין בליק דעם פֿאַרטערטן פול גאַפּן
— ווי אָקערשט נישט לאַנג, צו דער שיף, אין צעווימלטן האַפֿן —
זיי שווימען אַרום אין מיין בליק — אַ פֿאַרלאָפֿענער שפּיגל —
צו וועלטן, וואָס האָבן צו זיי זיך אַנטפּלעקט נאָך אין וויגל.
זיי טראָגן די עלנטקייט פֿון אַ צעשלאָגענער עדה,
אַזוי ווי נשׂרפֿים דעם ריח פֿון רויך אין די קליידער,
וואָס האָבן פֿון פֿייער קוים־קוים צו אַנטרינען באַוויזן,
און שלעפּן פֿאַרפּאַקט די פֿאַרגאַנגענהייט אין די וואַליזן.
אויף זייער באַגאַזש — די אַדרעסן, די רונדיקע זיגלען פֿון אַמטן,
פֿון גרענעצן, וואַכן, מיט שטרענגן, פֿאַרגליווערטן ליאַק מיט צעפּלאַמטן —
ווי בלוטיקע שפּורן פֿון היימען פֿאַרשיט מיט רואינען;
די זיגלען — פֿאַרלוירענע רינגען, וואָס ווילן צוריק זיך געפֿינען;
ווי רעדער פֿון שטענדיקן יידישן וואַנדער און וואָגל,
וואָס האָבן די וואָגלער נאָך אָפּשטעל צום ברעג דאָ פֿאַרטראָגן.
באַלד אָפּשניידן וועט זיי דאָס בריקל פֿון פֿאָרט און פֿון דורות געשיכטע,
פֿון טונקעלע גאַסן פֿאַרקוועטשטע אין אַלטע קהילות געדיכטע,
מיט שווערע קאָשמאַרן צוקאָפּנס ביינאַכט הינטער לאָדנס.
באַלד אויסוואַשן וועט זיי דער ים־שטראָם פֿון אויגן די פּחדים.
דער לעצטער שפּאַן ערד פֿון אייראָפּע נאָך טראָגט זיי געדולדיק,
באַלד ווערט זי שוין פֿריי ווי פֿון לאַסטן — פֿון זייערע שולדן.
זיי האָבן שוין גאָרנישט מער דאָרט פֿונעם עבֿר געלאָזן,
אפֿילו קיין שטיין נאָך אַ קרובֿ, פֿאַרוואַקסן מיט גראָזן...
אַ פּאַק און אַ קלומיק, אַ קינד ביי דער האַנט און ביים אָרעם,
אַ טשייניק, אַ טלית, אַ זאַץ פֿון צעשאָטענע ספֿרים,

מיט זאָרג און מיט חלום אין בליק און מיט ווינט אין די פּאָלעס —
געבויגענע, קרומע געשטאַלטן, אַזוי ווי אין הירשענבערגס „גלות“.
זיי גייען געבויגן — אויף קיינמאָל זיך מער נישט צו בייגן,
און ס׳איז זיי דער האָפן אַ שוועל דאָ צו היים און צו אייגנס.
זיי שטייגן צום דעק — צו דעם ערשטן שפּאַן פּאָטערלאַנד־באָדן
צו ראַטעווען דאָרטן פון פרעמדקייט, ווי אוצרות אין קאַסטנס פאַרלאָדן:
אַ מעשה פון בעש״ט און אַ חכמה פון הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע,
פון פאַרמעטן גלעל דעם גייסט און פון האַנט די מאָזאָליע,
דעם חן פון אַ מנהג און שאַרפע חריפות פון שכל
און שלום־עליכמס אין טרערן געטובלטער שמייכל,
אַ שפּיצל פון מאָטקע כאַבאַד און אַ חסידישן ניגון
און מאַנדלען און ראָזשינקעס פון די פאַרשרפעטע וויגן...
די שקיעה און אַזאַ נישט־דאָאיקייט לויכט זיי אַרויס פון די אויגן,
דער בליק איז אַן אַנקער — צו יענער זייט ברעג שוין פאַרוואָרפן, פאַרצויגן.
און עפּעס ווי טרוימער זיי שוועבן, פאַרטראָגן אין זעאונגען ווייטע,
ווי ס׳וואָלט זיי דאָס בריקל געווען פון יעקב אבינו די לייטער.

## כ'קוק שעהן־לאַנג אַריין אין ים...

כ'קוק שעהן־לאַנג אַריין אין ים
ביז איך דערזע דאָרט וווּנדער־זאַכן,
וואָס נאָר דער וואַסער־גאָט קען מאַכן —
עס הויבט זיך אויף אַ זילבער־קאַם
פון דעם געווירבל פון די וועלן —
כ'וואָלט אים פאַרשטעקט אין דיינע האָר
ווען ער וואָלט דיר געפעלן.

אַ כוואַליע גיט זיך אַ צעשפּריין,
קרישטאָלוואַרג־שפּליטערס נעמען פאַלן
צו יעדן, ווער ס'איז נאָר אַ בעלן,
און אין דער זון־שיין גיט אַ בליץ
אַ שנור פון פּערל און פון קרעלן —
כ'וואָלט אָנגעטאָן זי אויף דיין האַלדז
ווען זי וואָלט דיר געפעלן.

ס'באַגלייט דער שיף אַ וואַסער־שוים,
ציט־נאָך פון הינטן קלאָר און זויבער —
אַ ווייסער שלייער־טוך פון צויבער,
רירט־אָן די ים־פלאַך מיט זיין זוים,
אַ שלעפּ פון טיול פון בלענדיק־העלן —
כ'וואָלט צוגעניית אים צו דיין קלייד
ווען ער וואָלט דיר געפעלן.

# אַן ארון אויף דער שיף

ווי מען נעמט אַריין זיך אינעם גוף אַ שטיקל האָלץ,
וואָס פאַרשניידט מיט ווייטיק זיך אין פלייש, אין בלוט,
פאַרשניטן האָט זיך אין דער שיף אַן ארון.
לאַנג שוין האָט ער ערגעץ אין דער ערד גערוט
און אין גנאָד פון אירע שטויבן,
נאָר דאָס הויזגעזינד, וואָס האָט פון פרעמדן לאַנד
זיך אויסגעריסן מיטן לעבן,
האָט אויך זיך אויסגעריסן מיטן טויט...
און איצט, אויף דער נסיעה, אויף זיין וואַנדער,
דאָס הויזגעזינד פירט־מיט מיט זיך דעם ארון,
ווי משה האָט געפירט מיט זיך דעם משכן.

אויפן בריקל האָט דער ארון זיך פאַרהויבן,
אַרויף, אַרויף, צום הימל אויפגעשטיגן,
ווי אויפגעגאַנגען וואָלט ער דאָ פאַר גאָט;
דעם וועג אים אָפּגעטרעטן האָבן פּעק און קויבערס,
און אויף דער שיף־דעק, צווישן שטריק און לייטערס,
און צווישן רויען ווינט און רויער שטים פון ים־לייט
אויסגעזען האָט ער ווי אַ רעטונגס־שיפל —
אַרויסגעראַטעוועט האָט ער זיך פון זיין קבר,
פון זיין פאַרלאָזנקייט און זייז אַליינקייט...
ער לאָזט אַראָפּ זיך שטיל מיט שמאָלע טרעפּ
דורך אַלע שטאָקן און דורך אַלע קלאַסן,
פאַרביי די ריחות פון די קעסלען און די טעפּ,

פאַרביי די רויטע פריידיקס אין די קיל־שרענק
און דעם געררך פון פרישע ברויטן אינעם אויוון;
אַראָפּ, אַראָפּ, ער נידערט דאָרט אַלץ טיפער,
ווי אַראָפּגעלאָזט זיך וואָלט ער אין זיין נייעם קבר —
ערגעץ אין אַ ווינקל אויפן סאַמע דנאָ,
ווו ס׳ציטערן די שווערע שיף־געדערעם...

מיר דאַכט, אַז ער האָט נישט קיין רו דאָרט אין זיין רו,
ער שניידט אַדורך זיך דורכן חלל, ווי אַ חלף,
דורך אַלע טירן, קלאַסן און עטאַזשן,
און ער פאַרנעמט אַן אָרט ביי אַלע טישן,
זיין דאָאיקייט פאַרבלייבט און טרעט נישט אָפּ,
זיין שאַרפקייט פינקלט־אויף אין אַלע גלעזער,
זיין שטילקייט קלינגט און הילכט אין אַלע לידער,
און ער גייט־דורך, ווו גאָרנישט קען אַדורכגיין:
דורך דעם פאַרמאַכטן קוש פון בחור און פון מיידל
און צווישן גופים צוגעפרעסט אין טאַנץ,
פאַרוויגטע פונעם נאָגנדיקן טאַנגאָ,
פון ים־ווינט, פון דער שיף, און זיך אַליין. — — —

איך האָב אים נישט געזען, דעם ארון אויף דער שיף,
נאָר כ׳וויים: ער שווימט, ער שווימט, ער שווימט,
שווימט־מיט מיט מיר, מיט אַלע פאַסאַזשירן,
צום האַפן פון דער צוגעזאָגטער ערד...

# געבורט אויפן ים

ס׳געווייו איז פון אַן ערשט־געבוירנס אין דער וואַסער־וועלט אַריין.
אַ נייער פּאַסאַזשיר איז אויף דער שיף געקומען,
וואָס נישט אַרויף איז ער פון דער יבשה, פונעם פּאָרט;
עס האָט די שיף אין מיטן ים אים אויפגענומען —
אָן שטעמפּלען, אָן קאָנטראָלעס, וויזעס און פּאַספּאָרט.
ס׳איז בלויז זיין ערשט געשריי געווען אַהער זיין איינטריט־שיין.
איז אַ שמחה ביי די ווינטן און די וועלן קוועלן,
קוועלן אַלע וועלן פון דעם גרויסן גליק און פרייד,
וויקלעך פון ריינסטן וואָל, פון קלאָרסטן שטאָף און העלן
פאַר דעם ים־קינד האָבן זיי געוועבט און אויסגענייט.
וויקלען זיי דאָס עופּהלע מיט זייער צאַרט געפלאַטער,
נעמען עס אין בונד פון דער אומענדלעכקייט אַריין,
רייסן זיך פון אַלע זייטן ווינטן זיין די קוואַטערס
און די כוואַליעס שוימען־אויף צו „מזל־טוב!“ מיט ווייַן.
הויבן זיי זיך ווי דער כוס אין נחת און אין פריידן,
פליעסקען זיי, און ס׳עופּהלע זיי פּעטשלען מיט אַ שטיף.
ס׳וועט דאָס קינד נישט הייסן נאָך קיין טויטן זיידן;
ס׳וועט דעם נאָמען טראָגן פון דער לעבעדיקער שיף...
אין די קוים־געעפנטע, מבולבלדיקע אויגן
לויפט אַרום און שפּיגלט זיך דאָס גאַנצע בלוי פון ים,
גליטשט זיך צו אַ כוואַליע, ווי אַ ברוסט, אים אָנצוזויגן,
איז אים גרייט צו קאָרמען דאָס געוועסער, ווי אַן אַם.
איז אַ וויג דעם ים־קינד די צעהוידעטע קאַיוטע,
זינג איך אים אַ וויג־ליד: איי־לו־לו...
ביי דער וויג דאָס ציגעלע דאָס ווייסינקע און גוטע —
אַ וועלעכל אַ קלאָרס — היט אָפּ זיין רו...

## ס׳וועט זיין אַ שטורעם...

פון ים=ראַנד ציען וואָלקנס אָן און טראָגן זיך פאַרביי,
ווי אַ פלאָטיליע שיפן שטרענג אַ ריי נאָך ריי,
געלאָדענע און אָנגעגורט מיט האַק=און=פאַק,
און גרייטע אויף אַלאַרעם, גרייטע צום אַטאַק,
מיט לופעס אָנגעצילט, געשטרעקט אויף לינקס און רעכטס,
ווי הערנער אָנגעשטעלט צום שטויסן, צום געפעכט.
ס׳וועט זיין אַ שטורעם...

אָט וואַקסן וואָלקנס אויס אויפסניי ביים הימל=ראַנד
און שמעלצן זיך צוזאַמען אין אַ פעסטונג=וואַנט.
עס זאַמלען זיך גיבורים הינטער איר פאַרשאַנצט.
די העלמען פון אַ לעצטן שקיעה=שטראַל צעגלאַנצט.
עס קלינגען שילדן. גרייט איז שוין דער עקיפּאַזש
אַ לאָז=טאָן זיך אין שלאַכט=געליאַרם, אין שטויב און רעש.
ס׳וועט זיין אַ שטורעם...

פון בלוי אויף גרוי בייט=איבער זיך די וואַסער=פלאַך
און כוואַליע צו אַ כוואַליע לויפט און שרייט: זייט וואַך!
צום אויפזאָט קלויבט זיך טראַפּ צו טראָפּן אויפן גרונט.
געקלאַנג פון שטראָמען, ווי פון קייטן ערב בונט.
אַ סקרוך גייט דורך די שיף פון דנאָ=טיף ביז צום דעק,
די כוואַליעס נעמען זי אַרום און ס׳האַרץ פון מענטש — די שרעק.
ס׳וועט זיין אַ שטורעם...

ווי אין דער תיבה, פונעם דרויסן אָפּגעשיידט —
דאָס רונדע פענצטערל ווערט גיך פֿאַרשרויפֿט, פֿאַרדרייט,
מיט גרויער גרוילעניש פֿאַרלאָפֿן ווערט די שויב,
די דינערין קומט־אָן אין ווייסן שירץ און הויב,
גרייט־אָן די כלים שוין צום ברעכן, דעם קאַרטאָן.
זי שווייגט, נאָר עפּעס זאָגט איר ווייסער שווייגן אָן:
ס׳וועט זיין אַ שטורעם...

## דער סטיכיע אַנטקעגן

דאָס וועקט מיך נישט איצטער צו פרישטיק דער גלאָק —
עס האָט זיך אַן אייזבאַרג, צי פעלדזיקער בלאָק,
אויף פיצלעך צעשיט און אין פענצטערל קלינגט.
דער שטורעם! ער וועקט מיך, די שיף מיינע זינקט!...
אָט ציט מיך וועך, דוכט, אין אַן אָפּגרונט אַראָפּ,
אָט שלעפּט מיך אַרויף — פאַר די האָר, פאַרן קאָפּ.
דער פעלדז דער צעקלאַפּטער ער שמיצט מיט געברויז,
דאָס רונדיקע שייבעלע האַלט מער נישט אויס,
דער ים אַ צעקאָכטער פון כעס וויל אַריין
צו מיר אין קאַבינע, אין היימעלע מיין,
אויף הפקרס באַראָט, אין רשות פון דער שרעק,
ווייט־ווייט פון אַ ברעג און ווייט־ווייט צו אַ ברעג.
און טראָפּנס מיליאַסן מיר שפּריצן אין אויג —
דער האָגל פון אייזבאַרג, וואָס פאַלט מיט געפּויק.
דו זעסט ווי כסדר, אָן אָפּשטעל, אָן רו
אַלץ רירט זיך און ציטערט, אַלץ טרייסלט זיך צו.
דער אומרו באַוועגט יעדע מינדעסטע זאַך:
דאָס ציין־בערשטל, ס׳גלאָז אויף דער שטיינערנער פאַך,
אויך ס׳ביסעלע וואַסער אין גלאָז רוט נישט איין,
און זע: אויך אין אים איז דער שטורעם אַריין!

און ראַש מאַכט זיך צו און מאַכט־אויף זיך די טיר,
נאָר כ׳הער נישט דעם ליבן געקלאַנג פון געשיר,
וואָס טראָגט זיך פרימאָרגן פון עס־זאַל אַרום,
מיט ווייסקייט פון קעלנער, וואָס פלאַטערן אום,

מיט ריחות פֿון זעמעלעך וואַרעמע, פֿריש.
און זאָרגלאָז געפּלאַפּל ביי יעטוועדן טיש;
פֿאַרלאָזט איז דער עס=זאַל פֿון געסט און געשיר
און פּוסט, ווי דער מאָגן ביים שיף=פּאַסאַזשיר,
וואָס טיף, שוין צום וויפֿלטן מאָל בייגט זיך אָן,
פֿאַרזונקען דעם קאָפּ אינעם טאָפּ פֿון קאַרטאָן,
ווי ער וואָלט אין אים אַ ישועה געזוכט;
דער קאָפּ, וואָס איז נמאס געוואָרן שוין, דוכט.
ווער האָט דאָס דעם מענטש פֿאַר אַ שרעקבילד באַשטימט?
מיט ביטערן חוזק זיין פּנים פֿאַרקרימט?
ער בעט פֿון פֿאַרכראַקעטן עמער צו גאָט —
וווהין נאָך אַוועק פֿון דער פּיין און דעם שפּאָט?
עס וויגט זיך אַ ריזיקע וואָגשאָל — דער ים,
זי וועגט — ווי דעם גורל — די שיף, ווי אַ גראָם;
זי וועגט און זי וועגט און זי וועגט זי נישט אָפּ,
איר צינגל — די כוואַליע — גייט=אויף און גייט=אָפּ.

צי האָבן דאָ שדים געהוליעט ביינאַכט?
צי האָבן דאָ רוחות אַן אָרגיע פֿאַרבראַכט? —
די טישן צעוואַלגערטע, איבערגעדרייט,
די כלים צוזאַמען מיט שפּייזוואַרג צעשליידט,
און אויסגעפּליקט יעטוועדער ניגון און קלאַנג
פֿון אירע געדערעם, פֿאַרוווּנדעט און קראַנק —
די פּיאַנאָ אַראָפּ מיטן פּנים ליגט שטיל
און ס'בייסן ווי ציין די קלאַווישן פֿון דיל
דעם בראָכוואַרג פֿון טעלער — ווי נאָך אַ פּאָגראָם...
דאָ דאַרף איך זיך אָנהאַלטן. כ'פֿאַל אין אַ תהום!
זיך האַלטן? אין וואָס? אויך די שיף גיט אַ זינק
ווי אין שאול תחתיה... און אָט ווערט דיר גרינג —

זי קומט צו זיך. שטייגט. גיט זיך ווידער אַ הויב.
נאָר קוק נישט אַהין דאָרט צום פענצטער, אין שויב
זעסט מער נישט פון הימל די בלוילעכע שיין —
דו ביסט אין דער וואַסער־וועלט פלוצים אַריין,
אין פענצטער־ראַם — וואַסער און וואַסער און שרעק.
כ׳לויף ראַטעווען זיך פונעם וואַסער — צום דעק...

דער ווינט פליקט אַ שאַל, ווי אַ פאָדעם, אַ דרים,
נאָר טריי איז דער האַלדז און געבונדן מיט אים;
ער פאַלט נישט ביי זיך און אַ ריס גיט ער דאַן
דעם הוט פון אַן עלטערן, פליכיקן מאַן,
ווי אויף צו להכעיס, צום שפעטן פון מענטש —
ער וואַרפט אים אויף יענער זייט נאָסן פאַרענטש.
דער הוט שווימט אַוועק אויף דער וואַסערן־וויסט,
באַוועגט זיך, ווי ער וואָלט דעם אומענד געגריסט...
דאָ נעם איך מיט כוח זיך אָן און איך שטיי,
דעם הוט קוק איך נאָך ביז צום לעצטן פאַרגיי,
ביז כ׳זע אים נישט מער... נאָר איך שטיי אַלץ און שטיי.
ביז ס׳גיט זיך אַ כוואַליע פאַר מיר אַ פאַרדריי
אַזוי ווי אַ פרעגצייכן... פרעגט זי פאַרשייט:
דו מיינסט, אַז ביסט מער ווי דער הוט אין דער ווייט?
וואָס איז ביי דער סטיכיע אַ הוט? צי אַ קאָפּ?
צי מיינסטו, ביסט מער ווי ביים שטורעם אַ טראָפּ?
נאָר אָט גיט די כוואַליע אַליין אַ צעפאַל,
צערינט און צעשפריצט זיך אויף טראָפּנס אַ שלל,
ווערט גאָרנישט... און אָט שטייגן אַנדערע אויף,
איין וועל אויף דער צווייטער הויפט־אָן זיך און הויפט.
ווי פלאַם־צונגען ראַפּטום פאַרדרייען זיי זיך
און כאַפּן די שיף און פאַרוויקלען זי גיך,

ווי אין קאָלאָמבאַריע דאָס פייער פאַרדרייט,
פאַרוויקלט אַ מת און פאַרלעשט זיך, פאַרגייט,
און ס׳בלייבט בלויז פון אַלץ, וואָס דאָס פייער שלינגט־איין,
אַ ביין, וואָס דער פלאַם קען מער גובֿר נישט זיין...

נאָך גוט, ס׳איז די שיף נישט פאַרצערט, נישט פאַרצוקט,
און שטיין קען איך אַלץ אין דער ווייטקייט פאַרקוקט
און זען ווי די בערדיקע מאָנסטערס פון ים,
פון קייט אָפּגעלאָזט און אַרויס פון דער צאַם,
אין חמרים זיך רייסן אַפּער פון דער טיף,
ווי איינבייסן וואָלטן זיי וועלן די שיף,
אַריינשטעכן יעדע אין איר וויל אַ צאָן,
ווי זי וואָלט געווען זייער רויב פון לאַנג אָן.
נאָר ס׳איז שלום־ים אויך נישטאָ צווישן זיי,
בלויז אַמפּערניש, ראַנגלעניש, ווילד רייסעריי,
מען קריכט אין גרגרת זיך יעדע אַריין
און יעדע צום שיף־דעק די ערשטע וויל זיין.
עס ניוכעט אַ כוואַליע דאָס שיף־ברעט און שנאַפּט
און ווערט פון אַן אַנדערער כוואַליע צעקלאַפּט,
די אַנדערע קריגט פונעם ווינט בלויז אַ שנעל
און אוים... ווערט מגולגל אַן אַנדערע וועל...
און ווידער מען רייסט זיך די בערד און דעם טשוב
און איינע אין ים גראָבט דער צווייטער אַ גרוב,
די צווייטע שלעפּט ווידער די דריטע צום גרונט.
אַזוי אויף דעם גאַנצן ברייט־ימיקן רונד,
ווו ס׳קאָכט און עס צוואַלעוועט, ס׳שוימט און עס זידט —
אַ ריזיקער, ווייסער תכריכים־יאַריד,
פון אַלערליי מאָסן בשפע צעליגט.
און אָט לאָזט אַ כוואַליע צו מיר זיך און שטייגט,

זי קלעטערט מיט לייוונט און מאָס צום פאַרענטש,
און רייסט זיך צום דעק, צו דערלאַנגען צום מענטש.
זי שטעלט זיך אויף הינטערשטע פיס מיט געשריי,
איך פּאַטש זי צוריק, נאָר זי גרייפט־אָן אויפסניי.
דער שוים פון דער ווילדעניש בלויז מיך דערגרייכט,
איך וויש ווי אַ שפּיי אים אַראָפּ פון מיר לייכט,
און ווען אויפן דעק ער צעגייט און צערינט,
מיין קול פון דערלייכטערונג כאַפּט־אויף דער ווינט
און טראָגט אים אין ענדלאָזן חלל אַריין:
די סטיכיע פאַרגייט — איך וועל זיין, איך וועל זיי—יי—ן!...

## געבעט פון אַ זקן אויפֿן ים

פֿאַרפּלייצט אין קאַבינעס די רונדיקע שויבן,
ווי אויגן פֿאַרלאָפֿן אין אַנגסט מיט געוויין.
אַ ייִד און אַ תּהילים אין הענג־בעטל אויבן.
דער שטורעם־ווינט שאָקלט אים און ער אַליין —
ער שאָקלט זיך אויך — מיט כּוונה און מיין —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תּהילים.

ער ברומט, ווי דעם שטורעם וואָלט ער ווי אַ גיבור
געוואָלט מנצח זיין מיט זיין געוויין.
זיין קול גייט פֿאַרלוירן, דער ווינט שרייט אים איבער,
ווי איינגעשפּאַרט וואָלט זיך דער שטן אַליין,
דעם זקנס געבעט זאָל צו גאָט נישט דערגיין —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תּהילים.

דער ים אין זיין גרימצאָרן האָרבט־אָן דעם רוקן,
ער פּליאַסקעט די שיף מיט זיין קאָלטן־געפּלעכטס.
זי דרייט זיך פֿון אָרט ווי אַ חולה־מסוכן,
שוין שעהן זי בייגט זיך אויף לינקס און אויף רעכטס,
לייגט־איבער זיך, קנייטשט זיך, און אָכצעט און קרעכצט —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תּהילים.

בראשיתדיק־וויסט זענען וואַסערן גרויע,
זיי קלינגען אין שויב, ווי אויף ציינער די שרעק,
נאָר ווו איז גאָטס גייסט אויפן תוהו ובוהו?
זיך אָפּגעטאָן האָט ער פון ים און אַוועק?
מען זעט נישט קיין פּענעץ, קיין שפּור פון אַ ברעג —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תהילים.

עס פּראַלט־אויף דאָס שייבל. אַריין איז אַ כוואַליע! —
פון יענער־וועלט האָט זיך געשטעלט אַ געשטאַלט.
דער זקן פאַרשטעלט זיך ס׳געזיכט מיט זיין טלית,
ווי ער וואָלט געזוכט פאַרן טויט אַ באַהאַלט.
אין שיף איז דאָס וואַסער מיט יובל־געוואַלד! —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תהילים.

באַשיינפּערלעך הערט ער ס׳געלאַך פון טייוואָלים,
זיי ציען די שיף צו דעם ים־גרונט אַראָפּ,
ער זאָל מער נישט אָנזען דאָס לאַנד פון זיין חלום —
אָט רייצן זיך, לאָזן אַ ווײַלע זי אָפּ,
און רייסן אים, פליקן דעם טלית פון קאָפּ —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תהילים.

דאָס טוט־אָפּ דער ווינט, ווי אַ לץ אויף קאַטאָוועס —
ער וויגט־איין דעם זקן אַזוי ווי אַ קינד,
דעם תהילים פאַרמישט ער, ווי זיינע מחשבות.
אַ טרער פון זיין אויג אין דער באָרד אַריין רינט,
פאַרמישט מיטן ים־וואַסער ווערט זי געשווינד —
און דער ייִד זאָגט אַלץ תהילים.

דער שטורעם — דער אָטעם פון מלאך־המות,
און יעטוועדער טראָפּן — אַן אויג זיינס פאַרגלאָזט, —
און ווייט איז נאָך, ווייט נאָך צום לאַנד פון די אבות.
דער תהילים פאַרגאָסן. עס וויינט יעדעם אות:
באַשעפער, דו האָסט דיין באַשאַף שוין פאַרלאָזט ?... —
און דער ייד זאָגט אַלץ תהילים.

דו ביסט דאָך אין אַלץ און אין גאָרנישט פאַראַנען:
אין בליץ און אין פעלדז, אין דער מילב און אין שטויב,
שטיל־איין דאָס געוועסער, אל רחום וחנון —
זיין באָרד גיט אַ פלי — נחם ליכטיקע טויב;
זי קוקט אויפן מבול אַרוים דורך דער שויב —
און דער ייד זאָגט אַלץ תהילים.

# שלווה

שוין האָט זיך באַרואיקט דער ים און געשטילט דער געצאַפּל פֿון ספּאַזם און פֿון שלוכצן.
און איבער די רחבֿותן גלאַטע די שיף איז אַ פֿידל צום איינוויגן, דוכט זיך...

עס קאַטשען זיך איינס איבער צווייטן, ווי לעמעלעך — וועלעכלעך, ליכטיקע כוואַליעס,
און מיען זיך אָנכאַפּן שטיפעריש ס׳באַלעמל—זון, מיט גדולה, התפּעלות.

די זון מיידט נישט אויס היינט קיין מינדעסטן טראָפּן — אין יעדן זי באָדט זיך און וואַשט זיך,
און ס׳טוליעט דאָס וואַסער זיך צו צו דער שיף, ווי אַ פֿרוי וואָלט זיך ליבלעך געלאַשטשעט.

און שטיל זיך געפּיעשטשעט — נאָך תּאווה־עקסטאַז און געשליידער. צעבושעוועט־ברויזיק,
פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אין האַלב־דרימל און נאַכלעסיק־שיין די פֿלאַטין־האָר. און קרויזיק.

אין אָנמאַכט אין זיסער עס פּערלט אַ שמייכל קוים־קוים פֿון איר מויל, פֿון די ווינקלען. — —
די גאָלדענע טראָפּנס, ווי האָפּן אַ חתן, באַוואָרפֿן מיך איצט און באַשפּרינקלען...

# ים־טרוימעריי

א נישט־זעבאַרער מכשף,
פונעם ווייסן וואַסערווערק
ווייזט מיר וואונדער־בילדער:
אַ פאַרנאַכט איז אויפן ים
אַ שלווהדיקער, מילדער.
אַ זון־פאַרגאַנג. אין מערב־זוים —
לויטער קופערוואַרג און מעש,
און דער קײַלעכיקער ים
מיט זײַן ווײַסן וואַסער־שוים
איז אַ באַליע וועש.
שטיקער גרעט פון יעדן מין
אײַנגעזייפט און אײַנגעווייקט,
ביז די ראַנדן שטייגט און שטייגט
אַ ווילד געדריי און הוליעניש
פון זייפן־בלאָזן בלוילעכע
און וואָלקנס ווײַסע מולינעס.
און דאָרט, בײַם ראַנד, אַנטקעגן מיר,
בייגט די רויטע זון זיך אָן —
די וועשין־מויד אַ פרײַלעכע,
בײַם וואַשן ס׳גרעט פאַרטאָן,
אָן אויפגעלייגטע־לוסטיקע,
פאַרפלאַמטע און צעיאַכמערטע,
צעכראַסטעטע און ברוסטיקע,
זי טרייסלט מיט די קופער־האָר

צעפּאַטלטע און כוואַליקע
און רייבט און רייבט די וועש
מיט אירע הענט די שטראַליקע,
און ס'פּלייצט פון איר דער שוים=געדריי.
ס'צעטראָגעניש און דולעניש,
און מיך, דעם בטלן, שפּריצט זי אָפּ
מיט אירע הויפנס מולינעס;
זי וועקט מיך אויף און מינטערט מיך
און שפּעט פון מיר און קוועלט און לאַכט
מיט געלעכטערס קוויטשיקע,
און זי האַלט זיך פאַר דער טאַליע
מיט די הענט די גליטשיקע.
און אָט באַהאַלט זי זיך פאַר מיר,
פאַרשווינדט אונטער דער באַליע,
פאַרנאַרט מיך און פאַרלאָקערט מיך;
נישט אַנדערש, זוכן זאָל איך זי,
איך זאָל צו איר דערלאַנגען. —

— — — — — — — ...

די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
די זון איז שוין פאַרגאַנגען. — — —

## דריי מאָנאַכן

דריי מאָנאַכן זענען זיי,
קיין נצרת פאָרן זיי,
ישוּם דרכים פאָרשן זיי.
אויפן דעק שפּאַצירן זיי,
מיט די גאַרטלען באָמבלען זיי,
מיט די אַרבל פאָכען זיי,
ווי די מעוועס שוועבן זיי.
שטיל, געלאַסן גייען זיי,
קוים דאָס ברעט באַרירן זיי,
און וויכוחים פירן זיי,
פון אַ פּסוק דרינגען זיי,
אין סכאָלאַסטיק זינקען זיי,
און אָן אויפהער שפּאַנען זיי,
הין־און־צריק אַלץ שפּאַנען זיי,
לענג פון שיף אַלץ מעסטן זיי,
צייט און רוים פאַרגעסן זיי...

אויף דער זון דערזעען זיי
ליגט אַ פרוי אַנטקעגן זיי
און פון שטול אַראָפּ צו זיי
אירע אָרעמס בלענדן זיי,
שיינען מער נאָך, דוכט זיך זיי
ווי די קלויסטער־ליכט ביי זיי.
תפילה־ביכלעך האַלטן זיי,

און נאָך פעסטער דריקן זיי
און דעם בליק באַהאַלטן זיי,
אין דער שריפט אים שיצן זיי
און מיט איר פאַרשיטן זיי
ס'בייז, וואָס וויל פאַרפירן זיי.
פרום אַ תפילה מורמלען זיי,
זיך אַליין פאַרמורמלען זיי
און די פרוי פאַרמורמלען זיי
און די זינד פאַרמורמלען זיי...

פרייטיק אויף דער נאַכט, און זיי
אינעם עס־זאַל זיצן זיי,
אין די בענטש־ליכט שיינען זיי,
יידן לויכטן, זעען זיי:
זייד און אַטלעס, נישט ווי זיי —
פראָסט געקליידט, ווי ס'פאַסט פאַר זיי.
ברוין געוואַנט דאָס טראָגן זיי
ווי קאַטאָרגע־ברויט אויף זיי,
און פון פראָסט לבוש ביי זיי
גאָמבעס שטאַרצן שטום ביי זיי
און מיט חסד שמייכלען זיי.
מ'זאָגט „שאַבאַט שאַלאָם“ צו זיי,
צריך „שאַלאָם“ אויך גריסן זיי,
שבת פראַווען דאַרפן זיי,
כשרות היטן מוזן זיי,
קידוש־מאַכן הערן זיי,
מיט די צלמים שאָקלען זיי,
און דעם קידוש הערן זיי,

מיטן עולם שטייען זיי,
„אמען“, דאַכט זיך, שעפּטשען זיי.
פיש געפילטע עסן זיי,
קוים בנעימות קייען זיי
און דעם טעם דאָרט זוכן זיי,
אַט־אַט, שוין אים כאַפּן זיי
און אים גלייך פאַרלירן זיי...
יויך מיט לאָקשן וואַרט אויף זיי,
עוף און צימעס וואַרט אויף זיי,
ס'שטייט שוין קאָמפּאָט אויך פאַר זיי
און די פיש נאָך פאַרשן זיי,
און דעם טעם אַלץ זוכן זיי,
מיט דער צונג אים פּרוּוון זיי,
אָט געפּאַקט אים האָבן זיי,
מיטן מויל אים האַלטן זיי,
נאָר אָט גליטשט ער זיך פון זיי,
דרייט זיך ווידער אוים פון זיי...
ווי ביים שבת־טיש צו זיי, —
יידיש גלות ליידן זיי. — — —
דריי מאָנאַכן זענען זיי,
קיין נצרת פאָרן זיי.

## שווימט אַ שיף מיט יידן...

ווי אַ בויד פּאַרצייטנס —
נישט קיין ריר, קיין בויג,
שווימט אַ שיף מיט יידן
פול, קיין שום בייז אויג.
קולות איבער קולות. —
מ'טאַר שוין רעדן הויך...
מעשיות, חכמות הערט מען,
אַזש עס גייט אַ רויך...

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאַם, —
קאָכן זיי און זידן
מער נאָך פונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

אויף דער בלויער רחבות
שווימט אַ גאַנצע וועלט,
פּעק און זעק און קינדער,
טאַרבע און געצעלט.
מישן זיך לשונות,
קלינגען מלא חן,
בלויז דער מלך שלמה,
ער וועט זיי פאַרשטיין...

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאַם, —
קאַכן זיי און זידן
מער נאָך פונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

מיידלעך פון בראַזיליע,
יונגעלייט פון רוים,
יידן פון מאַראָקאָ
צום דערקענען קוים.
מרדכי מיטן פערדל,
אסתר מיט איר קרוין,
און ווי האָניקלעקעך
איז דאָס פנים ברוין.

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאַם, —
קאַכן זיי און זידן
מער נאָך פונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

שניידער מיט די שערן,
שוסטער מיט דער אָל,
און אַן אַלטער קלעזמער
מיט זיין פייפיאַל.
פּאָרט אַ ייד פון מונקאַטש,
פּאָרט אַ ייד פון יאַס,
יידל מיטן פידל,
בערל מיטן באַס.

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאָם, —
קאָכן זיי און זידן
מער נאָך פונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

פאָרט אַ ייד פון גאַלאַץ,
פאָרט אַ ייד פון טראַק,
גריין און מאַמעליגע,
בולבעס יעדן טאָג.
און די באָבעס לויבן,
אויפגעלייגט ביים טיש,
ווי ס'האָט טעם גן־עדן
זייער פורים־קניש.

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאָם, —
קאָכן זיי און זידן
מער נאָך פונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

ווי ס'איז טיף דאָס וואַסער,
איז דער חידוש טיף —
נעמט אַ ייד אַ זקן
אָנטאַפּן די שיף...
זעט נאָר ווי עס פּעכלט,
זעט פון דיל דעם גלאַנץ,
ס'פּאַסט גאָרנישט פאַר יידן,
נעם כאַטש גיי אַ טאַנץ!

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאַם, —
קאָכן זיי און זידן
מער נאָך פֿונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

שווימט אַ שיף בטחון,
שווימט אַ שיף געוויין,
בלוט אויפסניי וועט פליסן
אין דיין אַלט געביין.
פעק און זעק און קינדער,
נישט קיין ריר, קיין בויג,
ראַזשינקעס מיט מאַנדלען
פול, קיין שום בייז אויג.

שווימט אַ שיף מיט יידן,
שווימט אַ גאַנצער שטאַם, —
קאָכן זיי און זידן
מער נאָך פֿונעם ים.
איי־איי־איי און איי־איי־איי —
שווימט אַ שיף מיט יידן.

# אין חיפהער פּאָרט

אין האַלב־רונד פון דער בוכטע, אינעם חיפהער פּאָרט.
דאָ נעמט דער בויגן פונעם ברעג די שיף אַרום
ווי אַן אויסגעבענקטער הייסער עלנבויגן.
די ערד איז איצט די שיף מקבל־פּנים
און דריקט זי צו איר שוים און טוליעט, ווי אַ מוטער
מיט פייכטע און אַראָפּגעלאָזטע אויגן.
ווי ס׳וואָלט באַוועגט אַ וואַלד מיט ווייסע בלעטער —
עס פאָכען טיכלעך, איינגעטונקט אין זון און טרערן,
און רייסן זיך צו אונדז, ווי ליכטיקע שטאַפּעטן־טויבן.
עס קען דאָרט אפשר איינס צי צוויי צו מיר געהערן;
אַ טיכל זוכט אַ טיכל צו פאַרטשעפּען פון דער ווייטן
און אויגן זוכן אָנצוטרעפן זיך מיט אויגן,
דעם בליק פאַרעקשנט אין דער ווייטקייט איינגעזויגן.
און אָט שטייט עמעץ נאָענט ביים וואַסער, אונטן,
און אַפּעלסינען וואַרפט ער הויך, אַרויף צום שיף־דעק אויבן,
ווי ס׳וואַרפט אַ קונצן־מאַכער, אַ זשאָנגליאָר — באַגילדטע באַלעמס.
עס מאַכט נישט, וואָס ער טרעפט נישט און אין וואַסער פאַלן
אָט איינער און אַ צווייטער און אַ דריטער;
עס שטייט נישט אָפּ און שליידערט אַלץ אַרויף זיין האַנט
ביז ס׳רייסט איין אַפּעלסין אַדורך צו מיינע הענט און ציין
און ער פאַרגיסט מיין מויל מיט זאַפט און זון־שיין,
ווי מיטן אַראָמאַט און טעם פון גאַנצן לאַנד
וואָלט ער מיך איצט געוואָלט מהנה זיין...

## ביים ברעג פון ישראל

איך וויקל זיך אוים פונעם כוואַליעס־פּאַרפּלעכט,
וואָס האָט, ווי דאָס האַרץ מיינס, געבראָכן זיך ברוויזנד, —
געשטערעקט זיך אַהער כ'האָב זעקס טעג און זעקס נעכט,
און אפשר געדויערט האָט דאָס אַ יאָרטויזנט.

דאָס בריקל, וואָס פירט פון דער שיף מיך אַצינד,
לייגט־אוים זיך פאַר מיר, ווי אַ פּלאַסטער, אַ תרופה;
איך פיר צו דער שטאָט־ערד ביים הענטל מיין קינד
און מיך ביי דער האַנט פירן דורות און תקופות.

געבענטשט זיי, יבשה געגאַרטע! מיין האַנט
צו דיר האָט נאָך טרייסט און גענעזונג געצויגן.
כ'הויב־אויף דיינס אַ הויפן צעשרפעטן זאַמד,
אריינזינקען לאָז מיך אין אים מיינע אויגן.

אָ, זאָלן זיי טריפן אין אים, ווי אַמאָל
אין זאַמד פלעגן טריפן די ליכט פון יום־כיפור;
פאַר וויפל יסורים דאַרף איך אויפן קול
אין אים, ווי אַ מוטער־שוים, היינט זיך צעכליפען.

מיין מאַמעס געשטאַלט אין זיין בלענד קומט אַריין
מיט הענט פאַר די שבת־ליכט, דורכזיכטיק־שמאָלע;
איך בעט ביי זיין ווייסקייט: פאַרהיל איר געביין,
וואָס איז זיך צעגאַנגען אין פוילישן חלל.

עס גרייכן געזאַנגען פֿאַרשטיקטע אַהער
צו דיר, ווי אַ ווידערקול, הויפֿן מיין בלאַנקער,
אַ תּיקון צו זוכן אין דיר, ווי מיין טרער,
וואָס טראָגט זיך צו מיר פֿון דער תּפֿיסה לוביאַנקע...

עס פֿירן מיך קדושים פֿון בריקל אַראָפּ,
און גרינג איז מיין גאַנג ווי דער פֿלאַטער פֿון שוואַלבן,
מיין בליק איז אין תּכלית, אין גינגאָלד מיין קאָפּ,
און ס'פֿאַלן די זאַמדן אויף אים ווי אַ זאַלבונג.

# אויף דער צוגעזאָגטער ערד

כ'וויש אָפּ דעם שטויב פון וואַנדערן
און ווי אַ פּייל אין לאַנד אַריין
עס שיסט מיך אויס דער פאַרט.
פאַר פּורים היינט... אַ שיכורער
עס שניידט זיך לייכט מיין בליק אַריין
אין זאַמד, ווי אין אַ טאָרט.

נישט נויטיק ס'גרעגער־טראַסקעניש,
צום פּנים כ'דאַרף די מאַסקע נישט. —
כ'קום אָפן, נישט פאַרשטעלט.
מגילה, זיך צעוויקל מער —
דו ברעקל־לאַנד, דו שטיקל־ערד —
מיין רחבותדיקע וועלט.

אָ, בלענדנדיקער פּענעץ ערד,
אין חצות פון האַרץ מיינס עמעצער
צינדט־אָן דיך — אַ שטורקאַץ.
צו מיינע הענט די וואונדיקע
זי קרייזט, די ערד, אַ רונדיקע —
אַ שלח־מנות־טאַץ.

כ'דעק אָפּ איר טוך דאָס ציכטיקע,
די כּיבוד־פרוכט אַ ליכטיקע
געוויקלט איז אין גאָלד.
דורך פענדזלען זוניק־שטראַליקע
מיט פאַרבן קאַרנאַוואַליקע
ווער האָט דיך אויסגעמאָלט ?

פון פעלד — דיין סעודה־טעלער — כ׳הער
דעם יום־טוב־קלאַנג. פּאַמעלעכער!
די לאַנדשאַפט פליסן לאָז,
ווי אַלטן וויין צו קאַפּעלער,
אַן איילעניש, אַן כאַפּעלער,
אין אויג — מיין טרערן־כוס.

כאַטש נישט פאַרפרעמדט קיין רגע נישט
פון וועג, אויף מיין באַגעגעניש,
וואָס לויפסטו, פאַלמע־בוים? —
ער רוקט דאָס גרינע שטריימל אַן:
זיך נישט געזען אַ קימא לן!...
אַהאַ, דערקענט זיך קוים!...

אויף מויערם — עקסקאַוואַטאָרן.
מיר דוכט: מלאכים פלאַטערן
מיט רעטונג פאַר אַ תהום.
אויף מיר פון מיילער שטאָלענע
דעם שאָט פון ערד צעמאָלענע,
ווי אַ קאַסקאַדע־שטראָם!

דער שוויים — קיין צייט פאַר ווישעניש —
צום טעם פון צעמענט־מישעניש,
צום קאַלך, וואָס רינט ווי שמאַנט!
צום שטויב פון בוי נישט כ׳ברוגז זיך,
ווי פודער אויף אַ פרוי־געזיכט
איז ער צום חן פון לאַנד.

כ׳בלייב שטיין. דאָ, זאַמד, מיך בריסטו נישט.
דאָ, ווי אַמאָל, אין וויסטעניש
די מצות, דוכט מיר אוים,
פון אונטער האַמערס הילכיקע
אין זונבלענד הייזער מילכיקע
זיך באַקן — הויז ביי הויז.

צום בוי פאַר דיינעטוועגן וואָרט
דער עבר און די קעגנוואָרט —
מאַשין־ און קעמל־קראַפט.
פאַר ציגל־בערג די רייען אויך
ווי פאַר דער הימאַלייען־הויך
כ׳דאַרף שטיין אפשר פאַרגאַפט.

כ׳דאַרף זען דאָ אַ פאַרוווּנדערטער:
ווי זיי — ווערן יאָרהונדערטער
באַהעפט, צונויפגעקלעפט.
און כ׳הער די ציגל מוסרן:
דאָ שטעלט דיין פאָלק אַ פוס אַריין
אין גבול פון ווידערלעב.

## אין רמת־גן...

אין רמת־גן, שדרות העם הצרפתי,
דאָרט שפּילט זיך איצט מיין טעכטערל אין זאַמד,
פאַרגעסן לאַנג אין דורשט, וואָס ברענט און מאַטערט,
פון כאַמסין־ווינט פאַררויטלט און פאַרפלאַמט,

ווי ס'פלעגן זיין ביים אויוון אירע באָבעס
פאַרפלאַמט אַמאָל אַ פרייטיק אינדערפרי,
ביים באַקן פאַר אַ גאַנצער וואָך די לאַבנס
דעם הויזגעזינד — מיט מוטערלעכער מי.

עס פלעגן זיך באַגנוגן אירע עלטער־זיידעס
מיט בלויז אַ זעקעלע פון אָט דער ערד;
איצט וואָלט די גאַנצע ערד מיט הענטלעך ביידע
מיין קינד צונויפגעשאַרט, צונויפגעקערט. —

דאָס גאַנצע זאַמד צום לעבן, נישט פאַר טויטע —
אין שפּיל דאָ זעט זי נישט די זון, וואָס גליט,
און ווי פון ווילע פירט אַרויס זיין אויטאָ
אַ פּקיד, אָדער גלאַט אַ שיינער ייד...

צי קענט זי דאָס מיט פינגער און מיט נאָגל
דער באָבעס קוילעטשן פון איר געבעקס ? —
זי באַקט פון דעם ישראל־זאַמד גאָר אַ פאַריזער ראָגל,
דעם קרואַסאַן, וואָס האָט איר דאָ פאַרשמעקט...

און אַט איז דאָס געבעקס צעשטערט, צעפּאַלן,
זי שיט אויפּסניי אַ הויכע קופּע אָן,
זי בויט דעם אייפל־טורעם, די מאַזשינאָ־וואלן,
און אַט בויט זי די בריק פון אַוויניאָן;

און אַט אַ פּאַלאַץ אַ פּאַרצייטישן, אַ שאַטאָ,
וואָס אפשר פון דער ריטער־צייט נאָך שטאַמט. — —
אין רמת-גן, שדרות העם הצרפתי,
מיין טעכטערל דאָרט שפּילט זיך איצט אין זאַמד.

# אַ בוים ביים וועג

אויפן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן — —
צו זיין שאָטן האָב איך זיך
אין חמימה־שעה געצויגן.

פלוצלונג וואָס האָב איך דערזען ? —
דער שאָטן איז אַנטלאָפן !
געטייט אויף מיר האָט יעדע צווייג
מיט מוסר־רייד און שטראָפן :

„ווען מ'האָט מיך אַמאָל געפלאַנצט,
מיט ערשטן זאַפט געזויגן,
האָסט דו מיך ווי אַ גר געוווייכט
און אָפגעקערט די אויגן.

געשטאַנען בין איך ביז די קני
אין זאַמד און אין געפאָרן,
דער כאַמסין האָט געפייניקט מיך
מיט טריקענען און דאָרן.

ווען דער דורשט האָט מיך געברענט,
געשטיקט מיך ווי אַ משא,
האָסט נישט באַנומען מיין געבעט :
באַטראָפן מיך, באַוואַסער.

די האַק פון האַס האָט זיך געשטרעקט —
מיין יונגשאַפט צו פאַרשניידן,
און צווישן האַק און צווישן בוים
פאַרביי ביסטו, פאַר ביידן...

דאָך געוואַקסן, ווי דו זעסט,
בין איך שיין, געראָטן,
ווי דער ישוב ביי דעם וועג,
און מיט מיר — מיין שאָטן." — —

אויסגעהערט האָב איך דעם בוים
מיט פאַרוויינטע אויגן,
נישט דער בוים, נאָר איך ביים וועג
שטיי איצט איינגעבויגן.

אפשר איז גאָר רעכט פאַר מיר
צו שטיין אין פלאַם געצונדן
און וואָס דער שאָטן האָט פון מיר
זיך אָפגעקערט, פאַרשווּנדן.

אפשר ווי די מדבר דאַרף
דער וועג פאַר מיר זיך ציען;
ווי די מוסר־רייד פון בוים
דאַרף די זון מיך בריען.

# כ׳שפּאַציר אין תּל־אָביב...

כ׳שפּאַציר אין תּל־אביב ביים ברעג פון בלויען מיטלענדישן ים.
מיר דוכט, איך זע אין שפּיגל זיינעם ס׳ווייטע אָפּבילד פון מיין שטאָם.

די מוטנעקייט פון דנאָ — און צייט — האָט זיינע שטריכן נישט פאַרמישט.
זיין מאָטקייט פון קדמונים האָט דער שטראָם מיט חיות אויפגעפרישט.

מיר דוכט, אין יעדן וואַסער־טראָפּן זע איך דאָ מיין שפּליטער־שפּור
און אין דעם לאַנגן, שמאָלן פּאַס דעם בלוילעכן — מיין וויקל־שנור.

מיר דוכט, ס׳איז מיר דיין רונדער בעקן, ים ביים ברעג פון תּל־אביב —
מיין מאַמעס שיסל ערב־שבת, ווו מיין קאָפּ פלעגט זינקען טיף...

נאָר אָט אַ כוואַליע רייסט זיך און גיט ווווילעריש צו מיר אַ שפּרונג
און נעמט אַ ביסל זאַמד ווי צוקער אויף די לעפּצן, אויף דער צונג,

באַשמעקט די ערד, און ווען געזעטיקט ציט זי זיך צוריק פון ברעג —
זי שלעפּט מיך מיט אַן אור־גבורה צו דער בלויער ווייט אַוועק,

צו יענעם ברעג, וואָס איז פאַרשטעלט, נאָר כ׳ווייס, איך וויים: ער איז פאַראַן,
מיט שטעט באַשאָטן און מיט וועגן, וואָס מיין פוס האָט אויסגעשפּאַנט.

איך רייס זיך פון דער כוואַליע, ווי פון ברענענדיקער נעסט אַ שוואַלב,
און ווי פון שוועל פון שעכטהויז רייסט מיט לעצטע כוחות זיך אַ קאַלב.

די ווייטקייט ציט ווי אַ געליבטע, וואָס כ׳גיי־נאָך ווי אין היפּנאָז,
אַהין, וווּ כ׳האָב מיין קלומיקל מיט יאָרן ערגעץ־וווּ געלאָזט.

ס׳זאָל מיך נישט גובר זיין די ווייט — איך רוק זיך טיפער אָפּ פון שטראַנד —
האַלט־צו מיך, היימלאַנד־ערד, ווי אין געפּאַר אַ קינד — אַ מוטער־האַנט.

וואָס וויל דער ים? איך האָב דאָך רו ביי אים געבעטן, ווי אַ נב —
אָ, לייג זיך אויף מיין שטערן, ווי אַ קילער, בלווילעכער קאָמפּרעס...

## צו אַ תּימנער בעטלער

תּימנער ברודער מיט וואַקסן געזיכט,
מיט בערדעלע לופּטיקס פון עטלעכע האָר,
וואָס באַלד וועט עס, דוכט מיר, אַוועקפליען ערגעץ
און בלאָנקען אָן תּכלית, ווי האַרבסטיקע פעדעם.
דער הימל איז מילד היינט און ליבלעך צו יעדן,
טראָגט־אונטער בשפע אי תּכלת, אי ליכט,
און דו — דו טראָגסט־אונטער צו יעדן דיין טרויער,
דעם צער פון דיין בליק און פון האַנט די הכנעה...

שוועבסט־אום ווי אַ שאָטן אין זוניקן דרויסן,
דו פאַדערסט פאַר מענטשן און שטערסט זיי אין וועג,
און בלויז מיט דיין גאַנג, מיט דיין הילוך און אויסזען
דו פטרסט ביי דאַמען דעם שמייכל אַוועק;
ווי נאָר דו באַווייזט זיך, באַווייזט זיך דער איבל,
און אפשר אויך מיטלייד, נאָך ערגעץ פאַרבליבן...

ס'איז פּסח, צי אפשר שוין פוילער חול־המועד,
דאָס לאַנד איז געכשרט פון גרענעץ ביז גרענעץ,
נאָר אָרעם און אַלט איז דיין בגד און וואָכיק —
אַ פלעק אויף דעם הימל דעם כשרן, בלויען,
אַ פלעק אויף די גאַסן די ליכטיקע, פולע,
אַ פלעק אויף די הייזער פון ווייס און ווייס־קרעם.

אַזוי ווי געטונקען אין מילך און אין פּוטער,
און דו מיט דיין דלאָניע, געשטרעקט נאָך אַ פּרוטה.
מיט דיינע צעשליסענע, פינצטערע פּאָלעס —
זעסט אוים ווי דער גלות אין לאַנד פון גאולה...

ס׳איז פּסח. עס פרעגט אַלץ דער ראַדיאָ די קשיות
אין אויטאָ, ווו כ׳זיץ מיר גאָר ווייך און באַקוועם,
נאָר ווען צו מיין אויסשטייגן לויפסט ראַפּטום אָן
מיר אויפמאַכן ס׳טירל, אין דרייען געבויגן,
ווי עפּעס אַ חשובן, רייכן אדון,
פאַרמאַך איך די אויגן, פאַרמאַך איך די אויגן...

# אַ ייד מיט אַ פערד

וווּ וועל איך דאָס זען אויף אַן אַנדערער ערד —
אַ ייד מיט אַן אַקער, א ייד מיט אַ פערד.

איך לאָז זיך אַוועק דאָרט צום פעלדישן ראַנד —
זיי אָפּגעבן שלום, דערלאַנגען אַ האַנט.

פון ווייטן אַ שאָטן דאָרט בייגט זיך און מיט —
אַ ייד מיט אַן אַקער, אַ פערד מיט אַ ייד...

געזונט איז דאָס פערד און דער ייד איז געזונט —
צעשמיסן פון ווינטן, געכאַמסינט, גע׳זונ׳ט...

אַ ייד אויף דער לאַנדשאַפט פון בלוי־גרינעם העק ? —
איז ער נישט אויף איר אַזאַ ווילד־פרעמדער פלעק ? —

ווייל זען איז מיין בליק נישט געוועזן באַשערט —
אַ ייד מיט אַן אַקער, אַ ייד מיט אַ פערד.

כ׳קען זען ביי דער טעמזע, כ׳קען זען ביי דער סען,
אַ ייד מיט אַ נאָדל, אַ ייד מיט אַ פען;

אַ ייד מיט אַ וואַגשאָל, אַ ייד מיט אַ מאָס,
נאָר נישט מיט קיין פלאַנץ, מיט קיין פאַשע און גראָז...

דער ייד מיט דער האַנט און דאָס פערד מיטן עק
זיי מאַכן מיין לויב־ליד און שטוינונג אַוועק.

דער ייד און דאָס פערד קערן אָפּ דאָס געזיכט,
ס'איז יעדער פאַרטאָן ביי זיין ערדישער פליכט.

וואָס איז דאָ דער חידוש ? ס'איז פשוט, ווי ערד —
אַ ייד מיט אַן אַקער, אַ ייד מיט אַ פערד.

כ'קום נענטער און כ'זע, אויף דער פערדישער פעל
אַ פליג האָט מיט הערשאַפט געטאָן זיך אַ שטעל.

כ'וויל האָבן די זכיה און טרייב זי אַוועק,
נאָר ס'גיט מיר דאָס פערד אַזאַ שמיץ מיטן עק.

כ'דאַרף אויפשטעלן אפשר די אַנדערע באַק,
אַז שמיץ זאָל דער סוף מיר דערלאַנגען געשמאַק,

וואָס איך האָב נישט פריער דערזען און דערהערט —
אַ ייד מיט אַן אַקער, אַ ייד מיט אַ פערד.



# וויקי

פֿאַרגיב מיר, וויקי, היימישער און טרייער הויז־הונט.
וואָס כ׳יאָג דיך אָפּ פֿון מיר און טרייב פֿון מיר אַוועק
ווען דו ביסט מיך מקבל־פּנים לוסטיק־ברוויזנד
און פֿאַר התפּעלות שפּרינגסט און קניקסן מאַכסטו מיטן עק.

ווערסט קלערן אפשר וועגן מיר: דער ערגסטער פֿון די חיות,
ווייל דיינע פֿריינטשאַפֿט־תנועות מאַך איך לייכט אַוועק,
כאָטש כ׳ווייס, דו ביסט אין הויזגעזינד דאָ אַ בן־בית
און אָנפֿאַרטרויט איז דיר צו היטן ס׳שטוב־פֿאַרמעג.

איך פֿיל, דער שמייכל לעשט זיך אויס אויף מיינע ליפּן
ווען צו מיין הויט פֿאַלט־צו דיין מאָרדע היים און פֿייכט;
כ׳שפּרינג אָפּ פֿון גליטש פֿון דיינע אינגעווייד און ריפּן
און פֿון דיין בויך, וואָס ווי אַ בלאָזזאַק אויף מיר פֿרייכט.

נישט שיין איז אָפּשטויסן דיין אויסגעשטרעקטע לאַפּע,
וואָס ברענגט מיר ליבשאַפֿט אויף איר סאַמעט, אָן אַ סוף;
איך ווייס... נאָר ווען כ׳דערשפּיר דיך לעבן מיר אויף דער קאַנאַפּע,
צופֿוסנס, נעמט מיך שוין נישט מער קיין שלאָף.

ס׳קען זיין, ס׳איז דיין באַשמעקן מיך קיין שלעכטס נישט אויסן,
אַן אָנבאָט בלויז: ווי גערן וואָלסט מיט מיר געשטיפֿט.
נאָר איך געדענק, ווי פֿלעגסט אַמאָל מיך נאָכיאָגן אינדרויסן
און ס׳פֿלעגט דיין לעקער גאַווערן מיט שרעק און גיפֿט...

כ׳געדענק, ווי רייסן פלעגסטו זיך צו מיר פון קייטן
ווען יעדע שויב מיט חוזק האָט אויף מיר געגלאָצט;
ווי דו פלעגסט מיך דערשפירן נאָך אַ מייל פון ווייטן
ווי אַ שטיק פלייש, פאַרגעסן אויפן יאַטקע־קלאָץ.

אויף מיינע הויזן נאָך דיין צייכן איז פאַראַנען
און מער פון אים דיין ביס אין הוילן לייב נאָך ברייט,
נאָר מער נאָך ברייט מיך וואָס דו האָסט פאַרשטאַנען
פון אַלע ווערטער ס׳וואָרט דאָס איינע: „זשיד"...

געווים דאַרף איך נישט האָבן מער קיין גרונט היינט
כ׳זאָל אייביק, ווי עמלקן, דערמאָנען דיך מיט: „זכור";
אַז פאַר מיין שרעק זאָל ערוב זיין די גאַנצע הונטהייט,
און איך זאָל שטראָפן דיך אַזש ביז צום צענטן דור...

און דאָך, זיי מוחל, אַ געוווינהייט שוין פון אַלטע יאָרן...
ביסט חשוב דאָ, מאַכסט גענג אין דער מכולת־קראָם,
פאַרשטייסט עברית, אַ גאַנצער לייט ביסטו געוואָרן,
דו ווייסט: אַ לאַפּע געבן דאַרף מען צו „שלום".

איך זע, פון צייטונגס־קיאָסק אין פיסק דיינעם פאַרשטשעמעט
דו טראָגסט אַ לשון־קודש־בלאַט, ווי קונציק־שיין,
נאָר איך האָב מורא, כ׳ציטער, אַז אָט וועסטו נעמען
און איינגריזשען די אותיות מיט דיינע ציין.

„למטה!" — ווייסטו, הייסט אַראָפּלויפן אין דרויסן,
און „בוא הנה!" — קומען מיט הכנעה־בליק צו גיין.
און דאָך, איך קען זיך אַלץ מיט דיר נישט גרויסן
און זען אין דיר לייטזעליקייט און חן.

ניִשט שיין פון מיר, זאָג איך זיך הונדערט מאָל און טויזנט,
נאָר ווען שפּרינגסט־אויף צו מיר, שפּרינגט־אויף אַן אַלטע שרעק. —
פֿאַרגיב־זשע, וויקי, היימישער און טרייער הויז־הונט,
וואָס כ׳יאָג דיך אָפּ פֿון מיר און טרייב פֿון מיר אַוועק.

## כ׳גיי שטיל דאָ אַרום אויף דער ערד...

כ׳גיי פאַרזיכטיק־שטיל דאָ אַרום אויף דער ערד,
ווי כ׳וואָלט זי, חלילה, געקענט נאָך צעברעכן,
ווי כ׳וואָלט מיט מיין גאַנג דאָ איר שלווה געשטערט
און כ׳וואָלט מיט מיין זויל זי געקענט נאָך פאַרשוועכן.

אַזוי ווי אַ בעכער אויף שמחות — מיט פרייד
פאַרפולט איז דאָס האַרץ מיינס ביז איבער די ברעגן,
נאָר ס׳דוכט זיך מיר אָפט, אַז מיר קומט נישט די פרייד,
און אויסהיטן כ׳דאַרף זי פאַר דעם, וואָס כ׳באַגעגן.

פאַרשטעל איך זי אויף מיין געזיכט מיט די הענט —
נישט זען אין דער שיין פון מיין בליק זאָל זי קיינער,
און פלוצים כ׳דערפיל אומגעריכט ווי זי בלענדט —
זי שפאַרט אויך אַרויס דורך מיין הויט, דורך די ביינער.

אַנטלויף איך אַלץ ווייטער פון מענטשן אַוועק
מיט איר, ווי אַ זאַקרויב אַ פרעמדן, אַ שווערן,
ביז כ׳קום־אָן אין מדבר. קיין ישוב, קיין וועג,
קיין קול און קיין שאָרך פון אַ מענטש נישט צו הערן.

דער זאַמד־גלי קושט־אוים מיר די זויל פון סאַנדאַל,
און כ׳נעם דאָ די הענט פון מיין פנים פאַנאַנדער,
אין זאַמד זע איך צייכנס פון פוסטריט אַ שלל
פון אור־זיידעס מיינע פאַרביי דאָ אין וואַנדער.

כ'לאָז טיפער זיך גיין נאָכן זאַמדיקן שליאַד
און ווי אַ בעל־חי מיט זיין שפּיר־חוש איך נישטער:
דאָ איז מיין גְעבורט־שיין פאַרקריצט אין כּתב־יד —
אין זאַמד, ווי אין פאַרמעטן — נישט קיין פאַרווישטער.

מיין יחוס־בריוו דאָ אין די צייכנס כ'דערזע,
און ווי פון מיין האַנטפלאַך די צייכנס — כ'דערקאָן אים;
און כ'טראָג זיך פון מדבר — אַ פונק פונעם סנה —
מיט אָפענער פרייד אויף מיין אָפענעם פּנים...

# דער וואַסער־בית־עולם*

אַט דאָ, וווּ עס ציטערט דאָס וואַסער דאָס בלווילעכע פון ים־התיכון,
אַ ציטער געטאָן האָט מיין בלוט און ס׳געלויף זיינס גענומען פאַרגיכן.

דאָ, פאַר דער געהייליקטער אַזיערע שטיי איך אַריבערגעבויגן.
עס רירן זיך, דוכט מיר, די פלאַטן־מצבות, פון וואַסער באַוויגן...

עס לויכטן די שטיינער אַרויס, ווי די ביינער פון לויטערער טבילה.
קיין קדיש דאַרף קיינער נישט זאָגן — זיי מורמלט דאָס וואַסער אַ תפילה.

און ס׳ברעקלט זיך, ברעכט יעדער שטיין און עס ציטערן נעמען און צאַפּלען...
ס׳באַוועגן זיך אותיות אין אומרו... און ס׳וואַסער פאַרשווענקט מיינע אַפּלען...

אַריין אין מיר ווילן די אותיות, נקודות, ווי שפּליטערן, פונקען, —
געבוירט־שיינען פשוטע, קורצע, אין ים־טיפן ערגעץ פאַרזונקען.

און ס׳ציטערט דאָס וואַסער און מישט־אויף די פלאַטן, ווי בלעטער פון ספרים;
די שטיינערנע בלעטער מיט יחוס פאַרקריצטן — מצבות אָן קברים...

אַ שטיין צו אַ שטיין רוקט זיך צו — צו פאַרקלעמען מיך אין זייער עיגול.
און פלוצים דערזע איך אין יעדן מיין פנים דאָרט, ווי אין אַ שפּיגל...

נישטאָ קיין געביין — קוקט מיין אָפּבילד פון וואַסער, געצונצלט, באַוויגן.
עס האָבן די פלאַטן, ווי שטיינערנע הויט, דאָס געזיכט מיינס פאַרצויגן...

---

* אויפן הר־הרצל אין ירושלים געפינט זיך אַ קליינער סימבאָלישער בית־עולם צום אָנדענק פון 140 יידישע סאָלדאַטן פון ארץ־ישראל, וועלכע זענען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה דערטרונקען געוואָרן אין מיטללענדישן ים דורך די פאַשיסטישע כוחות. דער בית־עולם באַשטייט פון אַ באַסיין אין דער פאָרם פון אַ שיף, ווו עס ליגן 140 מצבות.

# אין די בערג פון יהודה

די נאַכט פאַלט שוין צו אין די בערג פון יהודה
און נידערט אַראָפּ ווי אַ קעמל אין זאַמד.
עס שניידן די רעדער מיט קראַפּט און געדרודער —
דער אויטאָ האָט לאַנג שוין אין וועג זיך פאַרזאַמט.

ער קרייזט אַרום האַלדז פונעם באַרג מיט הקפות,
נאָר ס׳וואונדער גייט־אויף מיטן ספק באַגלייך:
צי בלאָנדזשעט ער נישט און פאַרפירט נישט, דער שאָפער? —
קיין ליכט פון קיין ישוב אין ערגעץ נישט לייכט...

צי קענסטו דעם וועג אין די בערג פון יהודה?
צי פאָרסטו נישט, שאָפער, און פירסט נישט פאַרקערט?
— מיר דוכט זיך — דעם קאָפּ קערט ער אָפּ פונעם רודער —
מיר זענען, רבותי, אין פיינטלעכער ערד...

ווער זעט דען ביינאַכט צי ס׳איז שפּאַסיק, צי ערנסט.
איך וויים בלויז, אַז ווו מיטן בליק נאָר דערלאַנגסט,
פון **דער** זייט און יענער זייט: שטערן און שטערן! —
פאַרוואָס־זשע צעטיילט זיי די שרעק און די אַנגסט?

דער אויטאָ נעמט פאָרן אומזיכער, געלאַסן,
ווי פאָרזיכטיק וואָלט ער אַן אויסגאַנג געזוכט,
זיין ליכט פונעם חלל שניידט־אויס שטיקער פּאַסן.
ביים ראַנד פונעם כביש אָט אַ וועגווייזער, דוכט...

אַ סלופּ קען אויך שטיין מיט אַ שליחות אַ גרויסע,
מען האָט אים באַשענקט דאָ מיט חשיבות און זין... —
ווו זענען מיר? שאַ, אָט איז יידישע אותיות! —
מיר קענען די ריכטונג! איך ווייס שוין ווו כ'בין!...

א דאַנק אים, דעם יידישן אות, וואָס ער האָט אונדז
פון בלאָנדזשען באַפרייט און מנוחה געבראַכט. —
און ס'טראָגט זיך דער אויטאָ, מיט שטערן באַשאָטן,
אַזוי ווי אַ הירש אין די בערג, אין דער נאַכט...

# ירושלים

## א

זייט זיך נישט מטריח, יידן,
כ׳בין אַ היגער, נישט פון ווייט,
כ׳דאַרף קיין וועגווייזער, קיין פירער,
נישט קיין „גיד“ און נישט קיין „גאַיד“...

כ׳קען דאָ, ווי איך קען מיין האַנטפּלאַך,
דעם שיפּוע און דעם טאָל —
ס׳האָט דער טייטל פון מיין רבין
מיך געפירט שוין דאָ אַמאָל.

ביי דער טונקלער שיין פון נאַפטלאָמפּ
כ׳גיי אויף דיינע שטעגן אום —
אויף די שורות פונעם חומש,
דיינע געסלעך — אַלט און קרום...

אויב האָב איך אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט,
נישט געוווסט ווו כ׳האַלט — ווו כ׳גיי,
אין מיין לייב די קאַנטשיק־פּרענגעס
פלעגן אויפגליען מיט וויי. —

ווי פון קראָפּעווע ס׳פלעגט בריען
און פאַר דיר ס׳פלעגט אויפגיין רויט. —
דיינע געסלעך, ווי רצועות,
איינגעשניטן אין מיין הויט.

ב

דיין בילד פון כותל המערבי
האָט קינדווייז מיך באַגלייט צום שלאָף,
באַזעצט האָט זיך אין מיר די סאָווע —
דיין טרויער־ליד פון תשעה־באב.

די ווילדע בערדעלעך פון קאַריוו,
פאַרשטעקט אין מיינע ווילדע האָר,
כ'האָב ווי אַ דערנערקרוין געטראָגן
צום זכר פון דיין בראָך און גלאָר.

די ווילדע בערדעלעך, צוזאַמען
מיט זיי איז יענעם זומער־טאָג
אַריין אין מיר פאַרעקשנט־שטעכיק
די טרער פון איכה־ישבה־קלאָג.

און היינט, ווען ס'ווערט מיין קאָפּ שוין שיטער,
זיך נישט געהאַלטן וואָלטן גאָר
פון בית־הקברות־פעלד אין קאַריוו
די שטעכלקעס אין מיינע האָר, —

געדענק איך, אָפּרייסן מיט קאַמען
האָט זיי מיין מאַמע זיך געמיט. — —
כ'האָב נישט געוווסט: ווי זיי, פאַרעקשנט,
דיין טרויער שטעקט אויך אין מיין ליד

ג

צום הר־ציון, אויפֿן וועג צום קבר מלך דוד,<br>
נישט קיין ערן־וואַכן שטרעקן ס'וואָפֿן פֿאָרכטיק־שטום —<br>
יידן־בעטלער שטרעקן־אוים די הענט נאָך אַ נדבה,<br>
נאָר פֿאַרשטעלן נישט דעם שימער פֿון זיין קרוין, זיין רום.

כ'גיי דורך פֿינצטערע חדרים ווי דורך אַלטע היילן,<br>
כ'גיי צו אים אין חשכות, ווו זיין זילבער־כתר בליצט.<br>
נאָך זיין טויט יאָרטויזנטער — און ס'וויינען נאָך אבלים.<br>
דודס שטיין אין גליתן קלינגט אָפּ פֿאַר זיי נאָך איצט.

נישט קיין פֿרישע בלומען־קראַנצן, נישט קיין לאָרבער־בלעטער —<br>
ספֿרים אָפּגעברענטע טוליען זיך צו אים אין צער;<br>
פֿאַרמעטן פֿאַרבלוטיקטע, געבראַכט פֿון וויסטע געטאָס,<br>
ס'זאַלבט אים נאָך אַמאָל דאָס אַש פֿון בעלזשעץ און פּאָנאַר.

טונקלע שאָטנס בייגן זיך די קבר־צאָם אַריבער,<br>
שוועבן אום אין יראה־שיין פֿון שמעלצנדיקע ליכט,<br>
און זיי זאָגן הויך בציבור קדיש נאָך אַ ציבור,<br>
וויינען אויך די ליכט בציבור, איינס ביי איינס געדיכט.

ביי זיין שטיין־צוקאָפּנס — צדקה־געלט, מטבעות פֿאַלן —<br>
קלאַנג פֿון יידיש מלכות אויפֿדאָסניי האָט ער דערהערט. —<br>
אויף דער וואַנט זיין זילבער־קרוין הויבט־אָן נאָך מער צו שטראַלן<br>
און ס'צעשמייכלט זיך דער זשאַווער אויף זיין אַלטער שווערד...

## ד

צווישן דודס קבר און דעם כותל
וויסט איז דאָס געשטיין און דער געוויקס.
לויף נישט, קינד מיינס, ווייט אַהין זיך שפּילן,
אָט איז שוין די גרענעץ און די ביקס.

זי פאַרשטעלט אַהין דעם טראָט, דעם צוגאַנג,
זי פאַרשטעלט אַהינצו דאָס געוויין.
ס'איז געפאַנגען הינטער איר דער כותל
און ער שטייט פאַרלאָזן און אַליין.

זאָלסט זיך דאָ, מיין קינד, נישט ווייט פאַרשפּילן,
ווילד איז דאָ דאָס גראָז און דאָס געזעץ.
אויבן, אויף דער וואַך, גייט־אום אַ זעלנער.
שטעלט זיך, דיר אַנטקעגן, ווי אַ געץ.

איצט, ווען אויף די שטיינער פונעם כותל
פאַלן קען שוין אויך אַ טרער פון פרייד,
שטייט ער מער נאָך איינגעהילט אין טרויער,
פון זיין אַלטער היימשטאָט אָפּגעשיידט.

ס'בייטן זיך די שעהן און די וואָכן,
ס'גרייכט אים זייער שאָטן מיט פאַראַכט.
ס'וויינט נישט קיינער מער פאַר זיינע שטיינער.
וויינט ער, דוכט, אַליין דאָרט יעדע נאַכט...

# אין מאה שערים

א

דיינע הונדערט טויערן האָב איך געזוכט בחינם —
געבן זאָלסט דעם נאָמען דיינעם אַ באַשייד, אַ זין אים —
נאָר ביסט הינטער זיי, די נישט־געזעענע, פאַרהעמערט,
אָפּגעשלאָסן אין אַ תּחום, פאַרצוימט, ווו אייביק דעמערט.
פאַר די הייזער־שוועלן שטיי איך פאַרכטיק, ווי פאַר טעמפּלען —
ס'קען דער שטויב פון מיינע שיך מיט זינד זיי נאָך באַשטעמפּלען.
שטיבעלעך, ווי אוהלם פון צדיקים, פון נפטרים —
אין מאה שערים.

גאַרטלען ווי די שלענג, מיט שטיקער חלב־ליכט פאַרשמאָלצן,
קאַפּאָטעס ווי די טעלער פון אַן אָרעם־מאָלצייט,
שטריימלען ווי די נעסטן אין אַן אורוואַלד איינגעשטאָכן —
קרוינען אַן אַ קעניגרייך, געזאַלבטע פון די מאָכן.
פּאות ווי די פלעדערמייז דאָרט פלאַטערן און שווינדלען
צווישן מנחה־מעריב־צייט אַרום די אַלטע שינדלען,
ווען דער פּחד קוקט פון קלייטן פינצטערע, ווי קברים —
אין מאה שערים.

יינגעלע אין קאַפעלע אַן אַנגעשעפטס מיט טרויער,
ווי אַ מייזעלע אין שפּאַלט, אַנטלויפט אין שרעק צום טויער,
נאָר אין אַלטן געסעלע, אין סאַמע ברייט צעשאָטן,
גייען פראַנק־און־פריי די טאַטעס — שאָטן ביי אַ שאָטן;
העגט פאַרלייגט, ווי אויסגעגעבן שוין די וועלט אין פריידן,
שפּאַנען זיי געלאַסן, ווי די אבות אין גן־עדן.
דאַכט, אויך גאָט גייט־מיט מיט זיי אין אַטלעס — אַלט און אָרעם —
אין מאה שערים.

פון די קלויזן, ווי אַ פאה, קרייזלט זיך אַ ניגון,
און פון דאַך אויף דאַך אַרויף ער קלעטערט ווי אויף שטיגן —
ביז צום כסא קומען אַ געלייטערטער און ריינער.
שבת, ווען עס וואַרפט נישט דער סמבטיון מער מיט שטיינער,
קלויבט מען שטיינער אין דער פויסט, אין פאַלעס צו באַהאַלטן, —
ערגעץ־ווו אַן אויטאָ־ראָד דעם שבת וויל צעשפּאַלטן,
שפּאַנט ער — גאַרטל אין אַ גאַרטל, אָרעם אין אַ אָרעם —
אין מאה שערים.

דיינע הונדערט טויערן — איך וועל זיי נישט געפינען,
כ'דאַרף אין דיינע געסלעך מער נישט זוכן זייער זינען.
הינטער זיי, נישט־זעבאַרע, פאַרשלאָסן און פאַרהעמערט,
שטייט אַ פועל, אַ געזעל מיט לייטער, באַרשט און עמער
און מיט באָרד־און־פאות, און באַשפּריצט מיט קאַלך ווי שטערן.
אויף זיין לייטער וועט ער באַלד צום הימל נעלם ווערן —
מיט זיין פענדזל אויסמאָלן די געטלעכע חדרים —
אין מאה שערים.

ב

אין אַ הויפּל, אויף אַ שטריקל,
צווישן תורה, מאָך און קויט,
זענען שטיקלעך וועש צעהאָנגען —
בלייכע פאָנען פון דער נויט.
האָט ווער אָפּגעטאָן אַ שטיקל ?
אָדער ס׳איז גאָר מעשה שטן —
אויפן שטריקל, נאָענט, בשכנות,
הענגט אַ מיידל־העמד צוזאַמען
מיט אַ בחורס טלית־קטן.
בלויז אַ ביסעלע פון ווייטן
אָפּגערוקט, ווי ס׳פּאַסט פאַר לייטן.

קומט אַ ווינט אַ שקאָצעוואַטער,
אַ געמיינער און אַ בלאַטער,
קומט פאַרשייט
פון יענער זייט.
מיט זיין פלאַטער־קאַפּ און פלאַטער
פליט ער דורך,
ציט ער דורך
אַלע שטרענגע הונדערט שוועלן,
אַלע צוימען און מחיצות,
בלאָזט־אָן ס׳העמד מיט מיידל־פאַרעם
צום פאַרלאָקן, צום געפעלן,
און ער שפּילט זיך מיט די ציצית
פונעם בחורס טלית־קטן,
ווי פאַרבענקטע הענט ער שטרעקט זיי
און ווי פינגער צאַרט באַוועגט זיי;
מעשה שדכן, מעשה שטן

נעמט=אָן בײדן װי בײם אָרעם,
בױגט=אָן אײנעם צו דעם צװײטן, —
אַך, שױן גאָרנישט װי בײ לײטן, —
ציט אַ ציצה אױס צום העמד,
מיט אַ גלעטעלע קױם=קױם
רירט זי אָן אַ שפּיצן=זױם,
מיט אַ צערטל אַ נישט=דרײסטן, —
ציט זיך גלײך צוריק פֿאַרשעמט,
כאַפּט זיך גיך, װי אָפּגעבריט.
נעמט דער הפקר=װינט און ציט
גלײך אַ צװײטע און אַ דריטע,
אַזש ס'װערט ענג דעם טלית=קטן
און ער בעט זיך רחמים: ניטע!
און ער הערט נישט אױף זיך װערן
און ער הערט נישט אױף זיך רײסן,
װי ס'האָט יוסף זיך געריסן
פֿון די הענט פֿון פּוטיפֿרען.

נאָר דער װינט דער שקאָצעװאַטער
אַרבעט מעשים מיט זײן פֿלאַטער,
מיט זײן בלאָז און מיט זײן ברױז
גיט ער נישט קײן רגע רו,
טוליעט זײ נאָך ענגער צו,
אַזש זײ האַלטן מער נישט אױס —
ביז — נישטאָ מער קײן מחיצה,
קײן מחיצה צװישן בײדן
און ס'איז אױסגעמישט צוזאַמען
ציצה=תכלת, שפּיצן=זײדנס. — — —

און דער װינט ער פֿײַפֿט און לאַכט,
לאַכט און פֿײַפֿט אַ גאַנצע נאַכט...

ג

דאָס מיידל מיט נאַקעטע אָרעמס
פאַרבלאָנדזשעט האָט דאָ, און אַריין
אין דזשונגל פון בערד מאה שערימס,
געפאַנגען — נישט־אויס און נישט־איין.

דאָס מיידל מיט נאַקעטן נאַקן —
ער לויכט־דורך — אַ רמז פון זינד.
פאַרלייגט איז אַ פאה — אַ האַקן
אויף איר — אַ צעשראָקענע אינד.

ס'ם פאַטשן צעפליגלטע פאָלעס,
ווי וואָלטן פאַרלעשן געוואָלט
מיט זייער געפאָך — און מיט קללות —
די בלענדשיין פון מיידלס דעקאָלט.

ווי עקדישן, גאַרטלען זיך דרייען
און אָנכאַפן ווילן איר קלייד;
זי צושרויפן וועט דאָ אַ פאה,
אַזוי ווי אין פאָליש די קייט...

פאַרמאַכט האָט דעם ספר און נאָך איר
אַן עילוי זיך לאָזט אין דער שטיל, —
זע, מיידל, דער בליק פון אַ בחור
גענומען האָט דיך אויפן ציל... —

אָ, נישט ווייל זי איז אים געפעלן
פאַרלאָזט ער די פלוגתא פון דף;
ער איילט זיך פאַרשמירן, פאַרשטעלן
איר שיינקייט — גאָטס גאָב און באַשאַף...

פֿאַרמיאוסן די חצופה מיט סמאָלע —
נאָר־וואָס פֿון גיהנום געבראַכט,
אַ פּושקע פֿאַרשטעקט אין אַ פֿאָלע,
פֿאַרשטעקט אין אַ שטיק פֿון דער נאַכט.

נאָר שטיין בלייבט אין האַלדז אים די קללה
ווען ער פֿאַרן מיידל בלייבט שטיין:
נאָך שוואַרצער, זעט ער, פֿון דער סמאָלע
די אויגן פֿון מיידל, און שיין.

אָט זינקט ער אין זיי, ווי אין תהומען,
ער כאַפּט־אָן די פּושקע — דעם ראַנד...
נאָר ס'דוכט, ווי ביים חלף אברהמען,
אַ מלאך האַלט־צו אים די האַנט...



# „אַלטי שמאַטים"

ווען פרימאָרגן דורך מיין פענצטער
שלאָגט די זון די שטאָרן דורך
און ס'זעט אויס מיט פאַסן העלע,
ווי אַ גאָלד־געשטרייפטער טוך,
כ'הער אַ קול דאָרט פאַר די הייזער
ראַציק, רוילעך, מאָנאָטאָן;
כ'זע, אַן אַלטער אַלטוואַרג־הענדלער
מיט זיין אייזעלע קומט אָן.
„אַלטי שמאַטים!" „אַלטי שמאַטים!" --
רופט ער גרייזיק, רופט ער שוואַך.
שטאַמט פון תימן, צי בוכאַרא,
און ס'איז יידיש נישט זיין שפּראַך.
בלויז צוויי ווערטער צו זיין האַנדל
האָט ער אויסגעלערנט זיך,
און ער וואַרפט זיי צו די טירן,
ווי די בליקן זיינע, גיך.
ווי זיין וועגעלע, דער זקן
„אַלטי שמאַטים" קרעכצט און שרייט,
און די בירגער די העברעער
קימערט נישט די יידיש־רייד;
ס'טוט זיי גריילעך נאָך הנאה
ס'שפלות־בילד פאַר זייער אויג;
אַז דאָס גלות־לשון יידיש
בלויז צו אַלטע שמאַטעס טויג...

יידיש פּאַסט דאָ גוט צום רומל, —
צו דעם זקנס קרומען גוף,
צו זיין אייזל — הויט־און־ביינער
און זיין שמאַטע־רוף — בארוף...
„אַלטי שמאַטים!“ אַלטי שמאַטים!“... —
כ׳לאָז צום געסל זיך אַרויס:
ווער דאָרט זאָגט, אַז יידיש לשון
טויג צו אַלטע שמאַטעס בלויז ?! —
זי פאַרוויגט האָט גאַנצע דורות,
קינדער מיט איר קלאַנג פאַרשפּילט,
ס׳האָט זי פּורפּור איינגעוויקלט
און דער פּורפּור־פּלאַם פאַרהילט...
אין איר זיידנס, אין איר אַטלעס
האָבן פּרינצן זיך געקליידט,
יעדע צווייט פון זייער יחוס
ציט זיך נאָך — אַ גינגאָלד־קייט.
נישט קיין שמאַטע — אַ פּרוכת
איז די פּרץ־פּעלערין;
בגדי־כהונה, וואָס קיין שליטה
האָט אויף זיי די מילב, די שפּין.
ס׳האָט דאָס פאָלק פון שטויב פאַרהיט זיי
און עס האַלט זיי ציכטיק־ריין.
ווער מיין לשון וויל פאַרמיאוסן,
דער פאַרמיאוסט זיך אַליין.

# אותיות פון מיין אלף־בית אין נעאָן־ליכטער איבער תל־אביב

אותיות פון מיין אלף־בית אין נעאָן־ליכטער פון רעקלאַמעס,
ווי בליצנדיקע קרוינען איבער הייזער און טעראַסן.
איר זענט ווי אויפשיין בלענדיקער נאָך וויסטע ליקוי חמות,
און אויפלויכטן אין אייך דערזע איך ווידער
דאָס אויסגעגאַנגען שטערנטוך דער באָבעשים, דער מאַמעס,
דעם זיידנס פיל־קאָליריקע פאַרלאָשענע הבדלה
און די פאַרברענטע אותיות פון זיין אַלט־פאַרגעלטן סידור.
וואָס פאַר אַ וואונדער־פייערווערק צום הימל האָט געטאָן אַ שאָס,
ווי אַ צעשפּריצטער רעגנבויגן פון נקודות—שטערנדלעך מיליאָסן,
צום קאַרנאַוואַל־נצחון פון מיין אויסגעלייזטן אות!
וואָס גייט מיך אָן דאָרט וואָס זיי לויבן און דערציילן! —
די מויד פון פילם, וואָס טוט זיך אויס געלאַסן־אויסגעלאַסן?
די בעסטע שאָקאָלאַד? צי ציין־פּאַסטע? צי ניילאָן?
אַז לויכטן לויכטן זיי ווי אלף־ביתן אַנדערע ביי לייטן,
אין פרייען הימל, איבער דעכער, אינעם סאַמע אויבנאָן.
אין שווינדלענדיקן לויף איין אות יאָגט נאָך דעם צווייטן,
אין פלאַקער פון התלהבות כאַפּט איין אות דעם צווייטן אָן,
ווי הענט פאַרלייגט אויף אַקסלען צו אַ יובל־טאַנץ.
און כ'זע אין זייער פייערלעכער שיין און גלאַנץ
די אותיות פאַרברענטע און פאַרבאָטענע,
די אותיות פון בליי אין קעלערן צעשאָטענע,
און ס'דוכט מיר, ס'גייט אויך אויף צו זיי פון פלאַמען
מיין ערשטער־ערשטער אלף־בית פון געצעלע מלמד,
אין מיין פאַרקוילטער ווינגל־היים, אין שטעטל קאָריוו,
וואָס כ'קען עם איצטער גראַמען בלויז מיט: חרוב.

# די סאָסנע פון קרית־חיים

אַז איך וועל, סאָסנע, דיך דאָ טרעפן — ווער האָט זיך געריכט,
אָט דאָ, אין לאַנד פון צעדער, פון דער פּאַלמע און פון ליכט.

צי האָסטו זיך פאַר מיר באַוויזן אינעם קליינעם גאָרטן דאָ —
איך זאָל נישט בענקען נאָכן ריח פון אָטוואָצק און פּאָנטעבלאָ?

אַז איך זאָל שענקען איר מיין ליבשאַפט און נישט יענער ערד —
צי האָט זי מיך פאַרפירט אויס קנאה, ווייל נאָך מיר האָט זי באַגערט?

— אַהין דאָרט, צו דער וועלט דער פרעמדער, ציט אים ערגעץ נאָך... —
דווייזט־אָן אַ נאָדלצווייג אויף מיר, גיט זייטיק מיר אַ שטאָך...

ס'איז ווינציק איר, כ'זאָל ליגן אין איר שאָטן שטיל, פאַרקלערט —
די נאָדלען אירע ווילן מיך פאַרשטעכן צו דער ערד.

דו מעגסט, מיין סאָסנע, שטעכן מיך און ווי טאָן מיר ביז בלוט.
איך וועל דיין יעדן שטאָך פאַרנעמען און וועל זאָגן: גוט...

## די ערד איז אומגליקלעך...

די ערד איז אומגליקלעך, צעריסן,
צעשניטן מיט גרענעצן פול —
אַז ווײ צו דער לאַם וואָס פאַרבלאָנדזשעט
אין פרעמדן, אין פײנטלעכן גבול.

וואָס ווײסן דען לעמער דעם חילוק ? —
די ערד איז דאָך אומעטום ערד,
און גראָזן אויך אומעטום גראָזן,
וואָס זײ בלויז דער טעם איז באַשערט.

נאָר ווײ צו דער לאַם וואָס פאַרבלאָנדזשעט.
וואָס קערט פון דער טשערעדע אָפּ —
ווער וועט זיך דאָס לאָזן זי זוכן
אין פײנטלעכע טאָלן אַראָפּ ?

די צײט פון באחרית הימים
איז נאָך נישט געקומען, די לאַם
זאָל הויזן אין פריד און מנוחה
מיט לײב און מיט לעמפּערט צוזאַם.

פּאַמעלעך ! דאָ צווישן די קערנער
אַ סם איז פאַרזעצט אין דער בײט;
די ביקס איז געצילט, הינטער קוסטעס,
צום ניגון פון פּאַסטעכלס פלײט...

אַז ווײַ צו דער לאַם וואָס פאַרבלאָנדזשעט,
וואָס הערט נישט באַצײַטנס איר קלאַנג...
די ערד. וואָס איז גוט ווי אַ מוטער,
פאַרפירן קען אויך ווי די שלאַנג...

פאַרבלאָנדזשעטע לאַם, ווי אַ שונא
מען נעמט אין געפאַנגענשאַפט צו. —
ווער וועט זי מיט לעמער היינט פירן
צום קיבוץ אויף נאַכטלעגער־רו ?...

# איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטעכל...

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטעכל,
אַ פּאַסטעכל, — —
איז אים נישט פאַרלוירן־געגאַנגען
קיין איין־און־איינציק שעפּעלע,
קיין איינציק שעפּעלע. — — —
וואָס־זשע שטייט די טשערעדע
אַזוי צונויפגעדריקט ?
צי האָט אַ חיה־רעה אפשר
איינס פון זיי פאַרציקט
און בלויז אין פעלד צעשאָטענע
געלאָזן זיינע ביינדעלעך,
זיינע ביינדעלעך...
טוליען זיך די שעפעלעך
מיט קרויזן וואָל און הערנערלעך,
באַגילדטע פון דער שקיעה־שיין —
די הערנערלעך ווי קריינדעלעך,
ווי קריינדעלעך...
און די קרויזן ציטערן,
ציטערן פאַר שרעק —
שוין גענוג דאָס פיטערן,
שוין צייט, שוין צייט צו לאָזן זיך,
צו לאָזן זיך אין וועג...
נאָר דער פּאַסטעך איז נישטאָ —
מען הערט שוין נישט אַ צייט
די קלאַנגען פון זיין פלייט,
די קלאַנגען פון זיין פלייט. — — —

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטעכל,
אַ פּאַסטעכל. —
האָט אים נישט קיין חיה־רעה
זיינס אַ שעפּעלע צעפּליקט —
אים בלויז, אים, דעם פּאַסטעכל,
האָט אַ בייזע קויל פאַרציקט...
ביי דעם ראַנד פון דער מדינה
טוליען זיך צום גראָז
זיינע יונגע ביינדעלעך,
זיינע ביינדעלעך...
שטייט די טשערעדע פאַרלאָזט.
אַוונט אויף די הערנערלעך —
טרויער אויף די קריינדעלעך,
די קריינדעלעך...

שווייגט דער ניגון פון דער פליט.
ליגט אין פעלד דאָס פּאַסטעכל,
די אָרעמס אויסגעשפּרייט,
ווי די ערד פון דער מדינה
וואָלט ער קושן היים,
אָרומגענומען האָט ער זי,
די ערד, און האַלט זי צו,
ווי אַ שאָף אַ וואַרעמע
צום אויסהיטן פון בייז,
ווי אַ שאָף אַ וואַרעמע...

שווייגט דער אַוונט, שווייגט די פליט,
שטייט די טשערעדע פאַרלאָזט
און שטייט, און שטייט, און שטייט. — — — —

— — — — — — — — —

איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטעכל,
אַ פּאַסטעכל...



# אַ גאָס אין פעלד

אַ שטוב ביי אַ שטוב אין דער פוסטקייט צעשטעלט —
אַרוים איז אַ גאַס פונעם זאַמדיקן פעלד.

איר נאַקעטקייט האָט נאָך קיין ברוק נישט פאַרשטעלט,
נאָר ס'גייט שוין אַרום איר אַדרעס אין דער וועלט.

נאָך ליגט פונעם בויוואַרג דער אָפּפאַל, דער גרוז,
נאָר ס'איז שוין דאָס לעבן אַריין מיט אַ פוס.

אין צימער קוים פאַרטיק, איינס הויבט מען ערשט אָן —
און ס'שטייט שוין אַ בעט, אַ קאָמאָד, אַ וואַזאָן.

עס הענגט שוין אַ בילד פון דער חרובער היים,
ווי ס'איז אויף דער וואַנט נאָך נישט טרוקן דער ליים.

און ס'גייט פון דער גאַס נאָך אַ ריח פון פאַרב
און שלאָגט אין די נעז פון דער שכונה נאָך הארב...

די ערד איז בצימצום, די ערד איז נישט גרויס
און קליין איז דאָס גערטעלע הינטערן הויז.

מיט קאַרגשאַפט צעטיילט, ווי פאַר יעטוועדן קינד
אַ ברויט ווערט צעטיילט אין אַן אָרעם געזינד.

און — וווּנדער! — עס וואַקסט שוין אַ בלימל פון זאַמד
און שטרעקט זיך אויס ברייזש־פאַרדויטלט, פאַרפלאַמט.

עס הערט זיך שוין מער דער שאַקאַל נישט אַליין —
ס'פאַרשרייט אים פון וויגל אַ קינדס אַ געוויין.

ער רוקט זיך אָפּ ווייטער פאַר מענטשלעכן קלאַנג,
און טיף אין זיין יאָמער פאַרזינקט ער דאָרט באַנג.

אויף גילדענע רייפלעך פון ערשטלינג חשמל
עס פייפט שוין אַ טשייניק און זינגט טריאומפאַל.

און ס'פענצטער, אָן שויבן, שוין צינדט זיך אָן העל
און ס'הערט זיך דער קלאַנג שוין פון „קול ישראל“.

# דענקמעלער

דיינע דענקמעלער, ישראל,
כ'האָב געזוכט זיי אומעטום —
צי פון שטיין, צי בראָנדז געהאַמערט,
פאַר דיין גבורה, פאַר דיין רום.

ס'זעט זיי קיינער נישט אויף פּלעצער,
נישט אין וואַנדער אויפן וועג,
דאָך, פאַר הייזער שפּאָגל־נייע,
פון דער קעלניע ערשט אַוועק,

כ'האָב געטראָפן זיי, אומגלויבלעך!
הויך פאַרהויבן, שטאָלץ און שיין, —
דענקמעלער — פון גרוז נאָך בויען —
פאַר בנינים זע איך שטיין.

נישט באַוויזן מ'האָט פאַררוימען
קופּעס אָפּפאַל, קאַלך און שטיין,
קומט אַריין אין זיי די ברכה,
און די מיאוסקייט איז שיין...

קיינעם אַרט נישט וואָס זיי שטייען
פאַרן פענצטער, פאַר דער טיר,
ווי זיי וואָלטן פון קדמונים
שוין געוואָרן אַ באַציר;

אַ באַציר דער ערד, דער לאַנדשאַפֿט.
אַ באַשיינונג פֿאַרן לאַנד.
הייליק אפשר איז די קופּע, —
מעג זי אָנרירן מיין האַנט ?

כ'הער, עס שלאָגט פֿון איר דער אָטעם
פֿון דער פֿראַצע האַסטיק=היים,
און אין איר, ווי גאָלד אין סייפֿן,
איינגעסילוקט איז דער שוויים.

בלעך און דראָטן, ערד און ציגל
יום=טובדיק פֿאַרשלייפֿט אַ שטראַל.
און אַ שערבל דורכגעלויכטן,
בלישטשעט, בלענדט, ווי אַ מעדאַל.

רונד=אַרום זיך קינדער לאָזן
האָראַם און הקפֿות גיין;
שיינט די קופּע דאַן פֿאַר נחת,
און איר אָפּפֿאַל=שטויב איז ריין...

אַלטע פֿעלדזן, נייע פֿאָרטן
זעען קינדער אין איר גרוז.
בלומען דאַרף איך קומען לייגן
אָט די דענקמעלער צופֿוס.

# אין מדבר ווו דער אוראַלט הויערט...

אין מדבר, ווו דער אוראַלט הויערט,
ווו ס'איז פֿאַרלאָשן לאַנג דער לעצטער פֿונק פֿון דאָרן;
ווו קיינמאָל גייט קיין מענטשן-טריט
אין פֿריסיק-זאַמד פֿאַרביי;
אין מדבר, ווו דער אוראַלט דויערט,
געקומען איז אַ פֿאָלק באַנייען זיינע יאָרן
מיט יונגשאַפֿט אויפֿדאָסניי.

פֿון באַנען און פֿון שיפֿן זיך אַרויסגעשאָטן,
פֿון ווייט געברענגט דעם קלומיק און דעם מענטש-געווימל,
פֿון וואָס עס האָט אַן אייביקייט
די סביבה נישט געוווסט.
דער מענטש האָט אַ פֿאַרמעגן דאָ געבראַכט: זיין שאָטן.
נאָר ס'פֿאַלט נישט מער אין מויל אַריין דער מן פֿון הימל
צום טעם פֿון יעדנס גוסט.

עס גיט נישט, ווי אַמאָל, דער שטיין קיין וואַסער
געהאָרכיק-שנעל פֿאַר בלויז אַ שלאָג פֿון שטעקן...
ער ביט זיך אויס דעם כוח פֿון מאַשינען!
אָט ליגט שוין שטיין און ציגל אָנגעהויפֿט.
אַ הויבער, ווי אַן אָדלער, קרייזט אַרום מיט משא.
פֿאַר זיין גערויש הויבט-אָן זיך דער שאַקאַל צו שרעקן
און רוקט זיך אָפּ, אַנטלויפֿט.

עס גייט מיט ברויט און זאַלץ די מדבר נישט אָקעגן —
מיט שוויים באַגעגנט זי — מיט זאַלציק־הייסע טראָפּנס,
נאָר לעבן צעלט די קופּע שטיין און ציגל
ווי אַ הבטחה וואַרט און וואַכט.
דער מולד איז אַ שעפּל קאַלך פאַר זייערטוועגן.
און ס׳דוכט, דעם פאָטער יעקב איז די קופּע דער צוקאָפּנס
צום חלומען ביינאַכט.

די נאַכט באַשיט מיט שטערן, ווי מיט האָפּן,
די אורחים אין די זאַמדן די געדיכטע.
און אָט אין זייער שיין אַ יינגעלע איז משתין.
די מדבר האָרכט עס ווי אַן אור־באַשאַף,
וואָס קלינגט צום ערשטן מאָל, ווי ס׳האַרטע כראָפּען.
דאָס יינגעלע פאַרשרייבט אין זאַמד אַ בלאַט געשיכטע
מיט אַ גאָלדן כתב...

# אינהאלט

## אין שיין פון קדושים


* .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 11
אַ שנירל בלוט .. .. .. .. .. .. .. .. .. 12
דער ווינט פון מזרח .. .. .. .. .. .. .. .. 13
דאָס ליד פון שווייגן .. .. .. .. .. .. .. .. 14
באַלאַדע וועגן טויט פון פרץ מאַרקיש .. .. .. .. 15
ביי די טויטע צוקאָפּנס .. .. .. .. .. .. .. .. 17
צום פרץ=אוהל .. .. .. .. .. .. .. .. .. 18
אין אַ טאָג פון אויגוסט .. .. .. .. .. .. .. .. 19
אין אויס:געהאַקטן וואַלד .. .. .. .. .. .. .. .. 21
די געקוילעטע מוזע .. .. .. .. .. .. .. .. 22
אין שיין פון קדושים .. .. .. .. .. .. .. .. 24
די פידל פון דוד בערגעלסאָן .. .. .. .. .. .. .. 26
אַ נאַכט ביי דעם נסתר .. .. .. .. .. .. .. .. 29
אָ, ווער וועט אונדז אַמאָל דערציילן ? .. .. .. .. .. .. 31
ביי דער הייליקער קופע .. .. .. .. .. .. .. 33
ביים בוך „מלחמה“ פון פרץ מאַרקיש .. .. .. .. .. .. 35
דאָס לעצטע ליד פון פרץ מאַרקיש .. .. .. .. .. .. 37
די פאַרלוירענע שטים .. .. .. .. .. .. .. .. 38
דער פאָרהאַנג איז געפאַלן .. .. .. .. .. .. .. 41
ביינאַכט אויפן בוידעם פון יידישן מלוכה=טעאַטער .. .. 44


## די פלייט פון די אַלפּן


כ׳פאַרריים מיין קאָפּ .. .. .. .. .. .. .. .. .. 53
אַ לויב צו די בערג .. .. .. .. .. .. .. .. .. 55
די מיל .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. .. 57
זעאונג אין די בערג .. .. .. .. .. .. .. .. .. 59

קברים אין די בערג .. 60
אין גרינעם טאָל .. 63
די נאַכט האָט אויסגעגלייכט .. 67
דער גלי־וואָרעם .. 69
אַ שטערן איז געפאַלן .. 70
יאָדלעם אויפן באַרג .. 71
קאַסקאַדע .. 73

## דער חותם פון דער נאַכט

## אַ רינג אין אַ רינג

דורך מיין פענצטער .. 103
שטייסט־אויף אין יעדן אינדערפרי .. 105
ווו נאָר די זון ערגעץ שיינט .. 107
אין אָוונט .. 108
סוף־זומערדיקע טעג .. 109
אַ קינד האָט געגעבן אַ פייף .. 111
אויפן פריפעטשיק נישטאָ קיין פייערל .. 114
קאַרוזעליע .. 119
כאָטש לאַנג בין איך געוווינט .. 121
טויבן .. 122
וואָלקנס .. 123
אָנדענק־טאָוולען ביי די טויערן .. 125
באַלאַדע פון די 48 .. 127
זשאַן ריגאָלע .. 130
צום הונדערטסטן געבוירנטאָג פון י. ל. פרץ .. 132
ביי דיין בעטעלע געבויגן .. 139
אייזיקל שרייער — דער וועקער פון קאָריוו .. 143
ישראל אין פייער .. 146
באַלאַדע פון אַ שטיין .. 151
ביי אַ גרינעם באַסיין .. 155

## מיצקעוויטש אין פאַריז

## ישראל

ווען די שיף גייט אָפּ .. 175
עס טראָגט אויפן ים זיך אַוועק .. 177

די ערד ווערט אַלץ ווייטער .. 179
עולים .. 181
כ׳קוק שעהן־לאַנג אַריין אין ים .. 183
אַן ארון אויף דער שיף .. 184
געבורט אויפן ים .. 186
ס׳וועט זיין אַ שטורעם .. 187
דער סטיכיע אַנטקעגן .. 189
געבעט פון אַ זקן אויפן ים .. 194
שלווה .. 197
ים־טרוימעריי .. 198
דריי מאָנאַכן .. 200
שווימט אַ שיף מיט יידן .. 203
אין חיפהער פּאָרט .. 207
ביים ברעג פון ישראל .. 208
אויף דער צונעזאָגטער ערד .. 210
אין רמת־גן .. 213
אַ בוים ביים וועג .. 215
כ׳שפּאַציר אין תל־אביב .. 217
צו אַ תימנער בעטלער .. 219
אַ ייד מיט אַ פערד .. 221
וויקי .. 225
כ׳גיי שטיל דאָ אַרום אויף דער ערד .. 228
דער וואַסער־בית־עולם .. 230
אין די בערג פון יהודה .. 231
ירושלים .. 233
אין מאה שערים .. 237
„אַלטי שמאַטים“ .. 245
אותיות פון מיין אלף־בית אין נעאָן־ליכטער איבער ת״א 247
די סאָסנע פון קרית־חיים .. 248
די ערד איז אומגליקלעך .. 249
אין געווען אַמאָל אַ פּאַסטעכל .. 251
אַ גאַס אין פעלד .. 255
דענקמעלער .. 257
אין מדבר וו דער אוראַלט הויערט .. 259

רשימה פון די צייכענונגען:

זייט 65 — צייכענונג בען
זייט 79 — צייכענונג בען
זייט 89 — צייכענונג קאלניק
זייט 117 — צייכענונג מאנע־קאץ
זייט 141 — צייכענונג בען
זייט 157 — צייכענונג בען
זייט 160 — צייכענונג קאלניק
זייט 223 — צייכענונג מאנע־קאץ
זייט 243 — צייכענונג מאנע־קאץ
זייט 253 — צייכענונג מאנע־קאץ